א. סודאַרסקי

# ביראָ-בידזשאַן און פּאַלעסטינע

צענטרפאַרלאַג — כאַרקאָוו

א. סודאַרסקי

# ביראָ-בידזשאַן און פּאַלעסטינע

צענטרפאַרלאַג — כאַרקאָוו
1929

„Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літопису Українського Друку“, „Картковому репертуарі“ та інших покажчиках Української Книжкової Палати“.

אוקרהויפּטליט נ. 2988
באַשטעלונג נום. 2319
טיראַזש 5.000 עקזעמפּל.

— טרעסט —
„כאַרקאָוו-דרוק“
1-טע מעלוכע-דרוקעריי
„קאָמוניסט“
כאַרקאָוו, פּושקינער, 31.

# פאַר און קעגן בירא-בידזשאַן

ווען דער „קאָמערד“, דער מעלוכע-אַנשטאַלט, וואָס פירט אָן מיט דער איבערוואַנדערונגס-אַרבעט אין דער יידישער סוויווע האָט ענדגילטיק באַשטימט בעטן דעם אַלפאַרבאַנדישן אויספיר-קאָמיטעט, ער זאָל פאַרפעסטיקן פאַר דער יידישער אָרעמקייט דעם בירא-בידזשאַנער ראַיאָן אַפן ווייטן מיזרעך, איז ער ארויס פון דער איינציקער האַנאָכע: — אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען דאָ צענדליקער טויזנטער יידישע באַדנלאָזע מישפּאָכעס, וועלכע לעבן איבער א שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, ווייל זייערע אַלטע פאַרנאָסעס גייען אונטער און מוזן אונטערגיין, און מע מוז אריבערפירן זיי אַף אַנדערע פּראָדוקציע-צווייגן, הויפּטזאַכלעך צו ערד-אַרבעט. דער „קאָמערד“ האָט געשיקט קיין בירא-בידזשאַן אן אויספאָרשונג-קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון א ריי געלערנטע און קוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן. באַקאָנענדיק זיך מיט די מאַטעריאַלן פון דער קאָמיסיע, האָט דער „קאָמערד“ איינגעפונען, אַז בירא-בידזשאַן איז טאַקע דאָס אָרט, וואָס איז, סאַי לויטן קלימאַט, סאַי לויט דער גרויס פון דער טעריטאָריע, און סאַי לויט די רייכטימער, וואָס עס פאַרמאָגט דער ראַיאָן, צוגעפּאַסט פאַר א יידישער מאַסן-איבערוואַנדערונג, און קאָן דעריבער געבן אַ מעגלעכקייט דער ראַטן-רעגירונג פאַרזיכערן מיט א פעסטער עקאָנאָמישער באַזע צענדליקער טויזנטער מישפּאָכעס, וועלכע נויטיקן זיך אין פּראָדוקטיווער ארבעט און קאָנען אַזעלכעס ניט באַקומען צוליב א ריי אָביעקטיוו-עקאָנאָמישע סיבעס אין זייערע אלטע איינגעזעסענע ערטער.

גלייכצייטיק האָט דער „קאַמערד״ אויך אין זינען געהאַט די קולטורעלע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן.

אַזא גרויסער ערד־מאַסיוו פון קימאַט פיר מיליאָן העקטאַר, וואו עס וועלן זיך באַזעצן אין קאָמפּאַקטע מאַסן צענדליקער טויזנטער יידישע מישפּאָכעס, וועט שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען צו באַפרידיקן אויך זייערע קולטורעלע באַדערפענישן אַף זייער מוטער־שפּראַך, וואָס איז ניט אַזוי גרינג צו פאַרווירקלעכן אין לעבן דאַן, ווען די יידישע מאַסן זיינען צעשפּרייט אין קליינע יישואווים צווישן דער אַרומיקער ניט יידישער באַפעלקערונג.

דער „קאַמערד״ האָט אויך גערעכנט פאַר אַ פּאָזיטיוון מאָמענט דאָס, וואָס דער בירא־בידזשאַנער ראַיאָן איז דערווייל קימאַט ניט קיין באַוואוינטער, און אף דער ערד זיינען ניטאָ קיין פּרעטענדענטן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג; דאָס שליסט אויס יעדע מעגלעכקייט פון ניט געוואונשענע נאַציאָנאַלע רייבונגען צווישן די אלטגעזעסענע מיט די יידישע איבערוואַנדערער.

פונקט אזוי, און ניט אַנדערש, האָט אויך אָפּגעשאַצט די בירא־בידזשאַנער פראגע די ראַטן־געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע איז אָרגאַניזירט אין די רייען פון „געזערד״, און אויך די ברייטע שיכטן פון דער יידישער האָרעפּאַשנער און דעקלאַסירטער אָרעמקייט.

פון די פאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך, וואו עס לעבן און אַרבעטן די יידישע מאַסן, האָבן זיך א שאָט געטאָן אין „קאַמערד״ און אין „געזערד״ הונדערטער רעזאָלוציעס, וועלכע האָבן מיט ענטוזיאַזם באַגריסט די באַשטימונג פון דער ראַטן־רעגירונג וועגן אויסטיילן בירא־בידזשאַנער ראַיאָן פאר אַ יידישער קאָלאָניזאַציע.

און ניט נאָר מיט רעזאָלוציעס האָבן די יידישע מאַסן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיט בירא־בידזשאַן. טויזנטער מישפּאָכעס זיינען גרייט יעדן טאָג זיך אויפהויבן פון זייערע ערטער, ניט קוקנדיק אויף די שווערע האָבנדיק פאר קיינע שווערקייטן, און פאָרן אהין

פאר טויזנטער ווערסטן, בויען דעם נייעם יישעוו מיט זייער אַרבעט און שוויס.

די ערשטע צוויי אָרדערס (נאַריאַדן) פון קאָ״ערד אַף הונדער טויזנט מישפּאָכעס זיינען גלייך אויסגעפילט געווארן אף אַלע הונדערט פּראָצענט און האָבן דאָך זייער וויייניק באַפרידיקט די פאָדערונגען פון די יידישע מאַסן, וועלכע וואָלטן שוין זיין באַלאָנים כּאָרן אין ביראָ-בידזשאַן.

מיטינגען און פארזאַמלונגען, וואָס ווערן אָרגאַניזירט דורך די „געזערד"-אָרגאַניזאַציעס וועגן בּיראָ-בּידזשאַן, ציען צו זיך צו טויזנטער צוהערער. יעדע קלענסטע געשעעניש אין דעם נייעם יישעוו קריגט גלייך דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אין די כּאַרוואָר-נסטע שטעטלעך; דאָס איז דער בעסטער באַוויז, אז בּיראָ-בּידזשאַן איז שוין געווען אן אייגענע אין אַ נאָענטע זאַך פּאַרן יידישן האָרעפּאַשניק.

גאָר אנדערש האָט אויפגענומען די יידישע מאסן-קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד ביכלאַל און די באַשטימונג פון דער ראַטן-רעגירונג וועגן בּיראָ-בּידזשאַן ביכּראַט, די ציעניסטישע בורזשואַזיע. פאַר אַ הייליקער מיצווע רעכענען זיי יעדע נידערטרעכטיקע אקציע אַף אַרונטערצורייסן די איבערוואַנדערונגס-אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד.

פארוואָס און צוליב וואָס?

אָפיציעל נעמט מען זיך אָן פאַר דער קרוודע פונם אָרעמען יידישן פאָלק:

ערשטנס, די קאָמוניסטן האָבן פריער צערואינירט עקאָנאָמיש די יידן, קערי דערנאָך צו האָבן אַ מעגלעכקייט פארשיקן זיי אין אַ ווייט ניט באַוואוינט לאַנד. צווייטנס, צוליב דער ווייטקייט און אנדערע נעגאטיווע באַדינגונגען, קאָן בּיראָ-בידזשאַן פאַר קיין פאַל ניט ווערן אַ צוציאונגס-פונקט פאַר א יידישער מאַסן-קאָלאָניזאַציע. און דריטנס, בּיראָ-בּידזשאַן איז ניט דאָס אָרט, וואָס איז מעסוגל צו לייזן די פּראָבלעם פונם אונאָרמאַלן עקאָנאָמישן לעבן פון יידישן פאָלק אין די גאָלעס-לענדער.

קימאט דאָסזעלבע, וואָרט אין וואָרט, זינגען נאָך די בור־זשואזע ציעניסטן אויך זייערע „פּראָלעטאַרישע" פּאַרטיי־כּאַוויירים, וועלכע געפינען פאַר זייער הייליקן „סאָציאַליסטישן" כּויוו, וואָרענען די יידישע האָרעפּאַשנ־קעס פון די איבערגעטריבענע „קאמערדישע" און „געזערדישע" איליוזיעס בענוגייע בירא־ביר־זשאַן.

ווען די אַרבעטנדיקע מאסן וואָלטן געקומען צו אונז מיט ערנסטע ספייקעס וועגן דער צוועקמעסיקייט פון בירא־בידזשאַ־נער ראַיאָן פאַר אַ יידישער מאסן־קאָ־אָניזאַציע, אָדער וואָלטן אונז אַפילע וואָרענען קעגן צו גרויסע איל'יוזיעס, וואָלט געווען אונזער כּויוו גערולדיק אויסהערן זייער מיינונג און דערנאָך דערקלערן זיי אַלזייטיק די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון ראַיאָן, די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, צוליב וועלכע מיר האָבן באַשטימט פאַרפעסטיקן דעם ראַיאָן פאַר די יידישע איבערוואַנדערער; דערקלערן זיי, אַז בא אונז זיינען אין דער הינזיכט ניט פאַראַן קיינע איליוזיעס, ווייל מיר זעען פאָרויס די גרויסע שוועריקייטן, וואָס עס שטייען פאָר, אי פאַר די אָנפירנ־דיקע אָרגאַניזאַציעס, אי פאַר די איבערוואנדערער, ביז וואנען מיר וועלן דעם ראַיאָן באַהערשן און פאַרוואַנדלען אים אין אַ קולטורעלן יישעוו.

ווען קעגן בירא־בירושאַן טרעטן אָבער ארויס ציעניסטן, וועל־כע רופן גלייכצייטיק די יידישע מאסן העלפן זיי בויען מיט געלט און מיט מענטשן דאָס יידישע לאַנד אין פּאַלעסטינע, דאַן ליגט אַף אונז א פליכט צו וואָרענען די יידישע האָרעפּאַשניקעס פון די ציעניסטישע „גוטע־פּריינט", און, אויפדעקנדיק זייער בור־זשואזן פאַרצעף, דערקלערן פאַר די יידישע מאַסן דעם ריכטיקן אינהאַלט פון זייער קאַמף קעגן בירא־בירזשאן.

איצט, נאָך פופציק יאָר פּראַקטישער אַרבעט פון די ציע־ניסטן אַפן געביט פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, איז שוין דאַכט זיך פאַר יעדן איינציקן בירגער קלאָר, אַז טאַקע

פּאַלעסטינע, וועלכע זיי שטעלן אַרויס קעגן בּיראָ-בּידזשאַן, איז פאַר קיין פאַל ניט מעסוגל צו ווערן אַ צוציאונגס-קראַפט פאַר אַ ברייטער יידישער קאָלאָניזאַציע; אז פּאַלעסטינע קאָן ניט בלויז ניט לייזן די פּראָבלעם פון יידן אין „גאָלעס‟, נאָר אַפילו געבן אַ שטיקל ברויט די עטלעכע צענדליק טויזנט יידישע נעפּאַשעס, וועלכע זיי האָט זיך איינגעגעבן, דורך שווינדל און דעמאַגאָגישער אגיטאַציע, צו פאַרנאַרן אין „הייליקן‟ לאַנד פון די אָוועס. אונזער כויוו איז צו דערווייזן דער יידישער אָרעמקייט, אַז ניט די אינטערעסן פונם יידישן האָרעפּאַשניק, איז אויסן צו פאַרטיידיקן די ציוניסטישע בורזשואזיע, צוזאַמען מיט זייערע „פּראָלעטאַרישע‟ לאַקייען, מיט זייער פאַרביסענער אטאַקע קעגן בּיראָ-בּידזשאַן, נאָר זייערע אייגענע אינטערעסן. זיי האָבן מוירע פאַר די קאַפּיטאַלן פון דער אויסלענדישער בורזשואזיע, וועלכע האָבן מיט מיליאָנען געשטיצט און שטיצן נאָך איצט פּאַלעסטינע, און וועלכע קאָנען אַרויסגעריסן ווערן פון זייערע הענט דורך אַ דערפאָלגרייכער קאָלאָניזאַציע אין בּיראָ-בּידזשאַן. די בורזשואַזע מיליאָנען איז דער הויפּט-פאַקטאָר פון זייער „שטאַרקער ליבע‟ צו דער יידישער אָרעמקייט, וועמעס קריוורע זיי שטעלן ארויס אַלס מאָטיוו קעגן דער קאָלאָניזאַציע אין בּיראָ-בּידזשאַן. אַז דאָס איז ריכטיק וועלן מיר דערווייזן דאַן, ווען מיר וועלן פאַרגלייכן פונקטנווייז די אָביעקטיווע קאָלאָניזירבאַדינגונגען און די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן סײַ אין פּאַלעסטינע און סײַ אין בּיראָ-בּידזשאַן. דאַן וועט דער לייענער אַליין קאָנען באַשטימען, וואו זיינען אילוזיעס, וואו זיינען פּאַשעטע אוואַנטיורעס און וואו איז טאַקע דאָ אַ מעגלעכקייט פון רעאַלער פּראַקטישער אַרבעט פאַר דער אויסבעסערונג פון עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דער יידישער אָרעמקייט.

# די גרויס פון טויגבארן ערד-שעטעך אין פאַלעסטינע און אין בירא-בידזשאַן

איינע פון די הויפט-פראַגן, וועלכע מיר דאַרפן קלאָר מאכן, ווען מיר ווילן פאַרגלייכן בירא-בידזשאַן מיט פאַלעסטינע, איז די פראַגע: וואו האָבן מיר א גענוגן פאָנד פון טויגבארן באָדן פאַר אַ מאַסן-קאָלאָניזאַציע.

קיין גענוי-פעסטגעשטעלטע ציפערן וועגן דער גרויס פון פאַלעסטינער ערד-שעטעך זיינען ניט פאַראַן. וועגן דער גרויס פון אָט יעם ערד-שעטעך ויינען דאָ עטלעכע וואַריאַנטן. זיי זיינען אָבער קיכאַט ענלעך איינער צום צווייטן און דעריבער קאָן מען רעכענען די גרויס פונם ערד-שעטעך אין פאַלעסטינע פאַר אַ פעסטגעשטעלטן.

לויט די לעצטע יעריגס פון דער פאַלעסטינער מאַנדאַט-רעגירונג (ענגלאנד) האָבן מיר אין פאַלעסטינע:

1) באַארבעטן אָדער קולטיווירטן באדן — 528.401 העקטאר אָדער 28.7 פראָצענט.

2) באדן, וואָס טויג איצט ניט, נאָר קאָן דורך מעליאָראַציע קולטיווירט ווערן—258.732 העקטאר, אדער 14.1 פראָצענט.

3) לאכלוטן אומגינסטיקער באדן, וואָס וועט קיינמאָל ניט קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפט—707,720 העקטאר אָדער 38.5 פראָצענט.

4) טייכן, מירבאריעס, ים-זאמדן, דיונעס א. א. וו.—344,670 העקטאר, אדער 18,7 פראָצ., סאַכאַקל 1 839,523 העקטאר.

דער גאַנצער ערד-שעטעך פון פאַלעסטינע, וועלכער ווערט שוין באַארבעט, צוזאמען מיטן ערד-באדן, וואָס קאָן אין דער

צוקונפט קולטיווירט ווערן דורך מעליאראציע באַטרעפט אַזוי אַרום, נים מער ווי 787,133 העקטאַר, אָדער 42.8 פּראָצ. פון פּאַלעסטינער ערד-שטעך. די איבעריקע 1,052,390 העקטאַר, אָדער גאַנצע 57.2 פּראָצענט איז, לויט די ידיעות פון דער פּאַלעסטינער מאַנדאַטן-רעגירונג, לאַכלוסן אומגינסטיקער באָדן, וואָס וועט קיינמאָל נים קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע צוועקן.

כדי צו האָבן א גענויעם באַגריף וועגן דעם, ווי גרויס עס איז דער ערד-שטעך, וועלכער קאָן בײַ די בעסטע באַדינגונגען אויסגענוצט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע, וועלן מיר עס פאַרגלייכן מיטן פלאַכבאָדן ערד-שטעך פון איינינקע אוקראַינישע קרייזן.

1) קיעווער קרייז . . . . . . . . 1455926 העקטאַר
2) קיראָוואָגראַדער קרייז . . . . . . . 133 754 „
3) פּראָסקוראָווער קרייז . . . . . . . 108 123 „
אין פּאַלעסטינע . . . . . . . . . 787133 „

דער פּאַלעסטינער שוין-באַאַרבעטער באָדן איז קימאַט דריי מאָל קלענער פון קיעווער קרייז, און קימאַט אַ העלפט אַפילו דאַן, ווען עס וואָלט זיך אינדערעמעסן טאַקע איינגעגעבן, מיט דער הילף פון גראָבע מיליאָנען, מעליאָרירן אין דער צוקונפט די 258 טויזנט העקטאַר, וואָס קאָנען, לויט די ידיעות פון דער מאַנדאַט-רעגירונג, קולטיווירט ווערן. דערפון אַליין איז פאַר יעדן איינציקן געווען קלאָר, אַז פילרערן אַף דער גאַנצער וועלט וועגן דעם, אַז פּאַלעסטינע איז דאָס לאַנד, וואָס איז באַרופן צו ווערן אַ זאַמלפּונקט פאַר מיליאָנען יידן און איז מסוגל צו לייזן די יידן-פראַגע אין די גאָלעס-לענדער, איז ניט מער ווי אַ באַוואוסטזיניקער שאַנטאַזש פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע.

עס איז מעגלעך, אַז אונזערע היימישע „סאָציאַליסטישע“ ציוניסטן, וועלכע זיינען נים שטאַרק צופרידן דערפון, וואָס מען באַשולדיקט זיי אין שאַנטאַזש, וועלן זיך געוויס פּרואוון אַפּעליר-

קענען די יעדיעס פון דער מאַנדאַטן - רעגירונג. אויב אזוי, וועלן מיר אויך ברענגען די ציפערן, וועלכע עס גיט אָן דער דאָק-טאָר זאַגאָרסקי — איינער פון די הויפט - אָנפירער פון דער קאָלאָניזיר - אָפּטיילונג פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע.

## דער סכום ערד אין דונאמען*)

| נאָמען פון ראיאָן | באַארבעטער באָדן | פוסטער באָדן, וואָס קאָן קולטי-ווירט ווערן | באָדן, וואָס קאָן ניט אויסגענוצט ווערן | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|
| יעהודא . . . | 4.090.000 | 2.750.000 | 6.000.000 | 12.840.000 |
| שוימרוין . . . | 330.000 | 175.000 | 500.000 | 1.005.000 |
| אויבערשטער גאַליל | 430.000 | 135.000 | 350.000 | 915.000 |
| אונטערשטער גאַליל | 560.000 | 330.000 | 850.000 | 1.740.000 |
| סאַכאַקל . | 5410.000 | 3.380.000 | 7.700.000 | 16.590.000 |
| אין העקטאַרן | 498.000 | 312.000 | 708.000 | 1.518.000 |
| % % | 32,8 | 20,5 | 46,7 | 100 |

ווי מיר זעען, זיינען די ציפערן פונם ציעניסטישן אָנפירער זאַגאָרסקי ניט גינסטיקער פאַרן ציעניזם, ווי די ציפערן פון דער מאנדאט - רעגירונג. לויט זאַגאָרסקיס יעדיעס, אין דער באַ-אַרבעטער באָדן צוזאמען מיטן פוסטן באָדן גרעסער, ווי די אויבנאָנגעוויזענע יעדיעס פון דער מאַנדאַט - רעגירונג, סאַכאַקל

*) 1 העקטאַר — 10,88 דונאַם.

אַף 22367 העקטאר, און ענדערש דעריבער אַף קיין האַר ניט די „גלענצנדע" פערספעקטיוון פון א ברייטער מאַסן-קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע. מיר האָבן נאָך ציפערן וועגן דעם פאַלעסטינער ערד-שעטעך, וואָס לאָרד סטענגאַן האט אין 1924-טן יאָר צוגעשטעלט אין ענגלישן פארלאמענט. עמעס, די צאָל דעסיאַטין, וואָס לאָרד סטענגאַן גיט אָן, איז פיל גרעסער ווי די יעדיעס, פון דער מאַנדאַט-רעגירונג און פון ציעניסטישן דאָקטאָר זאַגאָרסקי. דאָך בלייבט דער אי. האָלט דערועלבער און מאַכט נאָך בולטער די קלאָגעדיקע לאַגע פון די ציעניסטן אין „זייער" פאָטערלאַנד.

לויט די סטאַטיסטישע מאַטעריאלן פון לאָרד סטענגאַן האָבן מיר אין פאַלעסטינע:

1) ערד, וואָס געהערט די אראַבער און וועלכע ווערט מערסטנטייל באַארבעט — 834000 דעסיאַטין, אָדער 33.4 פראָצ.

2) ערד, וואָס געהערט צו יידן, און וועלכע ווערט אויך מערסטנטייל באארבעט — 76000 דעסיאַטין, אָדער 3 פראָצ.

3) ערד, וואָס געהערט דער רעגירונג און קאָן אויסגענוצט ווערן נאָר באַם דורכפירן מעליאָראַטיווע אַרבעט — 67500 דעסיאַטין, אָדער 2,7 פראָצ.

4) ערד, וואָס געהערט אויך דער רעגירונג און איז לאַכלוטן אומטויגבאַר פאַר לאנדווירטשאפט — 1522500 דעסיאַטין, אָדער 60,9 פראָצ. סאַכאַקל 2500000 דעסיאַטין.

וואָס דערציילן אונז וועגן פאַלעסטינע די ציפערן פון לאָרד סטענגאַן?

ערשטנס, אז גאַנצע 60.9 פראָצ. פון פאַלעסטינער ערד-שעטעך איז לאַכלוטן אומבאַטויגבאַרער באָדן: מדבאַריעס, יאַמזאמדן, שטיין-בערג, וואָס וועלן קיינמאָל ניט קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר קאָלאָניזאַציע. צווייטנס, אַז די 67000 דעסיאַטין, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלן קאָנען אויסגענוצט ווערן ערשט דאַן, ווען עס וועט זיך איינגעבן

זיי צו מעליאָרירן. דריטנס, אַז די ערד, וואָס געהערט צו די אַראַ-
בער און צו די יידן איז אויך ניט אינגאנצן קיין טויגבאַרע,
אַניט, וואָלט די ערד ניט מערסטנטייל נאָר אינגאנצן
באַאַרבעט געוואָרן, ווייל אין פּאַלעסטינע הערשט אַ שרעקלעכער
ערד-מאנגל און ערדלאָזיקייט. און פערטנס, אַז פאַר פופציק
יאָר אַרבעט אַפן געביט פון געאולעס-האָארעץ באַזיצן די יידן
ניט מער ווי 3 פּראָצענט פונם פּאַלעסטינער ערד-שעטעך, אָדער
8,3 פּראָצ. פון טויגבארן קולטיווירטן באָדן.

אַריינווארפנדיק אין פּאַלעסטינע צענדליקער מיליאָנען, באַזיצן
איצט די יידן דאָרטן טויגבאַרע ערד — ניט מער ווי די האָרע-
פּאַשנע יידישע מאַסן פון אוקראַינע האָבן באַקומען פון דער
ראַטן-רעגירונג אין קריוואָראָגער קרייז אליין און ניט מער ווי
34 פּראָצ. פונם ערד-שעטעך, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין
אוקראַינע (אין 1925-טן יאָר 57361 העקטאר, אין 26-טן יאָר
676[illegible]6 העקטאר און אין 27-טן יאָר 20056. צוזאמען 154113
העקטאר), דערביי רעכענען מיר ניט אַריין די ערד-מאַסיוון,
וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט באַקומען דורך דער ביי-
שטעטלדיקער פאַנאַנדערזעצונג.

די באַדייטנדיקע ערד-מאַסיוון, וואָס די ראַטן-רעגירונג האָט
פאַר די לעצטע פיר יאָר אויסגעטיילט פאַר דער יידישער אָרעמ-
קייט אין אוקראַינע, ווייסרוסלאנד און קרים, און די דערפאָלג-
רייכע קאָלאָניזאַציע פון טויזנטער יידישע מישפּאָכעס, וועלכע
האָבן זיך ערנסט גענומען פאַר ערד-אַרבעט, דאָס איז געווען
אַ ביין אין האלז די ציוניסטן. ערשטנס, דערפאַר, וואָס די
טויזנטער איינגעאָרדנטע אַף ערד מישפּאָכעס האָבן בולעט דע-
מאָנסטרירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די ראַטנמאַכט אַליין
זאָרגט פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע יידן און זי וויל
בעעמעס לייזן די אזוי גערופענע „יידן-פראַגע". צווייטנס, דער-
פאַר, וואָס די ערד-איינאָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד באַווייזט
די נישטיקייט פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע, וואָס ס'קאָן

בּרענגען דערצו, אַז די קאַפּיטאַלן פון די אויסלענדישע יידי־שע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס („דזשאָינט״, „יעקאָ״ און אנדערע) זאָלן צוגעצויגן ווערן אין „ראַטנפאַרבאנד.

אָט וואס עס שרייבּט איינער פון די ציעניסטישע גדולים ראַבּערט סטריקער אין „ציעניסטישן וואָכנבלאט״ נום. 2950 פון 15־טן אָקטיאַבּר 1925 יאָר: „די סאָוועטישע רעגירונג מעל־דעט, אז זי לייגט פאָר די יידן עוד־פלעצער אומזיסט אין די ראַיאָנען פון כערסאָן און קרימער האלבּ־אינזל און אז זי וועט העלפן די יידן־פויערים זיי זאָלן זיך דאָרט איינאָרדענען. אָבּער דאָס פאָדערט, אַז די מיטלען, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער־דאָזיקער אונטערנעמונג, זאָלן די יידן אליין צונויפזאמלען. אַזוי ווי די יידן זיינען לאַכלוטן אומפאַרמעגלעך — און אַזאַ פּראָוו וואָלט גאַר קיין דערפאָלג ניט געהאט אין רוסלאנד גופע, האָט זיך די ראַטן־רעגירונג געווענדט צו די יידן אין אויסלאנד, בּאַ־זונדערס צום אַמעריקאַנישן יידנטום. די אָנפירנדיקע יידיש־אַמעריקאַנישע פילאַנטראָפּן, בּאזונדערס די פּרעזידענטן פונם „דזשאָינט״ — לואיס מארשאַל און פעליקס ווארבּורג, — האָבּן זיך דערקלערט גרייט צונויפזאמלען פופצן מיליאָן דאָלאַר דורך רייכע נעדאָוועס און איבּערגעבּן בּאַדייטנדיקע סומעס אין רעשוס פון דער ראַטן־רעגירונג. די צוגרייטונגס־טריט זיינען געמאַכט געוואָרן, און אין מעשעך פון די נאָענטסטע עטלעכע וואָכן וועט דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום צוטרעטן צו אָט דער אונטערנעמונג, וועלכע איז א קאַלאָסאַלער שווינדל קעגן די יידן״.

ראָבּערט סטריקער איז קאנטיק א מענטש און אָפּנהערציקער און דערצו א נערוועזער. ער לייקנט ניט, אַז ער איז העכסט אויפ־געֶרעגט פונם קאַלאָסאַלן שווינדל, וואָס די אַמעריקאַנער פילאַנ־טראָפּן, ווי לואיס מאַרשאַל און פעליקס ווארבּורג, האָבּן זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער ראַטן־רעגירונג און זיינען גרייט צו־נויפזאַמלען בּיז 15 מיליאָן דאָלאַר פאר די יידישע איבּערוואַנ־דערער פון ראַטנפאַרבּאַנד. אָט ווען די מיליאָנען וואָלטן אינ־

גאנצן צו די ציעניסטן ארײנפּאַלן, דאַן וואָלט דאָס „פֿאַרשטײט זיך" קײן שווינדל ניט געווען. ניט ווײניקער אויפגערעגט זײנען אויך אַלע איבעריקע ציעניסטן, כאָטש זײ זײנען ניט אַזוי אָפנ-הערציק, ווי ראָבערט סטריקער, און זוכן אַנדערע מאָטיװן, ווי אַזוי צו באַקעמפן די ערד-אײנאָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד.

דאָך האָבן די ציעניסטן געהאט א שטיקל האָפנונג, אַז אָט-אָט וועלן זיך די ערד-מאסיוון אין אוקראינע, ווײסרוסלאנד און קרים, אויסשעפּן, און דאַן וועלן זײ ווידער קאָנען בלאָפן דעם אוילעם מיט פּאַלעסטינע און בלײבן די אײנציקע יאָרשים פון די קאַפּיטאַלן פון דער אויסלענדישער בורזשואַזיע.

און פּלוצלונג — אַלע האָפענונגען פאַרלאָרן. די ראַטן-רעגירונג האָט אָפּגעגעבן אין רעשוס פון די יידישע האָרעפּאַשניקעס א דורכויסיקן ערד-שטעטך פון קאַרגע פיר מיליאָן העקטאַר, וואָס איז קימאט צוויי מאָל אזוי די גרײס ווי קרימער האלבּ-אינזל (קרים האט אינגאנצן 1.928.000 העקטאַר) און געפינט זיך אין דאָרעמדיקן עק פון אַמורער געגנט אף דער גרענעץ פון מאַנדזשוריע און ציט זיך הארט ביז כאַבאַראָווסק, דעם אַדמיני-סטראַטיון צענטער פון ווײטמיזרעכדיקן קאַנט. פון מאַירעװ און פון דאָרעם איז דער בירא-בידזשאַנער ראַיאָן באַזוימט אף אַ שטרעקע פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער מיט אײנעם פון די גרעסטע טײכן אין דער וועלט — אַמור, וואָס פאַרײניקט דעם ראַיאָן פון מיזרעך-זײט מיט בלאַגאָווּעשטשענסק און פון מאַי-רעוו-זײט מיט כאַבאַראָווסק און ניקאָלאַיעווסקער האפן. דורך דער טעריטאָריע פון ראַיאָן גופע פליסן די שיפפאַריקע טײכן בירא און בידזשאַן, וואס פאַלן ארײן אין אַמור און פאַרײניקן דעם אינעווײניקסטן טײל פון ראַיאָן מיט די אויבן-אָנגעוויזענע פונקטן.

כוץ דעם, שנײדט דורך דעם ראַיאָן אף א שטרעקע פון העכער 300 קילאָמעטער די גרײסע סיבירער אײזנבאַן-ליניע, וועלכע פאַרבינדט דעם ראַיאָן מיטן אײראָפּײאישן טײל פון ראַטנ-

פֿאַרבאַנד, מיט סיביר און טראַנסבאַיקאַל און אויך אַף מיזרעך מיט כאַבאַראָווסק און וולאַדיוואָסטאָק.

בירא - בידזשאַן ווערט איינגעטיילט אַף צוויי טיילן. דער גרעסטער טייל אין דאָרעם - מיזרעך פֿון ראַיאָן א פֿלאַכלענדישער, און א באַרגיקער צו מאַירעוו און צאָפֿן - זייט פֿון ראַיאָן.

דער פֿלאַכלענדישער טייל באַשטייט פֿון א פּרוכטבאַרן באָדן, וואָס איז באַדעקט מיט הויכע גראָזיקע פֿלאַנצן און קאָן אַריינעמען, אויסער דער שוין פֿאַראַנענער באַפֿעלקערונג, פֿופֿציק טויזנט איבערוואַנדערער - מישפּאָכעס.

דער באַרגיקער טייל איז אַמערסטן באַדעקט מיט געדיכטע וועלדער. צווישן די בערג - שטרעקעס געפֿינען זיך אויך היפּשע פּלעצער, וואָס טויגן פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס וועלן מיט דער צייט געוויס אויסגענוצט ווערן פֿאַר איבערוואַנדערער. אויסער וואַלד, אנטהאַלט דער באַרג - טייל אויך נוצלעכע מינעראַלן, ווי אייזן, קופּער, גאָלד, אַנטימאָן (סורמע). גראַפֿיט, אַסבעסט, שטיינקוילן און מירמלשטיין, וואָס שאַפֿט גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע אין דעם ראַיאָן.

לויט די ידיעס, וואָס מיר האָבן פֿון דער ווייטמיזרעכדיקער איבערוואַנדערונגס - פֿאַרוואַלטונג, געפֿינען זיך אין די גרענעצן, וואָס זיינען פֿון דער ראַטן - רעגירונג באַשטימט פֿאַר דער יידישער איבערוואַנדערונג, פֿאָלגנדיקע ערד - מאָסיוון:

| | | |
|---|---|---|
| 1) פּלעצער, וואָס איז לייכט צו באַהערשן . . . . . | 1.542.136 | העקטאַר |
| 2) פֿאַרזומפּיקע פּלעצער, וועלכע פֿאָדערן אַן ערנסטע מעליאָראַציע . . . . . . . . . . . . . | 508.423 | „ |
| 3) באַרג - און וואַלד - מאָסיוון . . . . . . . . . | 1.845.149 | „ |
| סאַכאַקל . . . . . . . . . . | 3.895.708 | „ |

דער ערשטער מאַסיוו, וועלכער קאָן גלייך אויסגענוצט ווערן פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿט, אָדער וועלכער פֿאָדערט א טיילווייזע מעליאָראַטיווע אַרבעט, איז קימאַט אַזוי גרויס, ווי גאַנץ

פּאַלעסטינע צוזאַמען מיט די מירבאָריעס, יאַם-זאַמדן און שטיי-נערנע בערג.

כּוץ דעם האָבן מיר א רעזערוו-פאָנד פון העכער א האַלב מיליאָן העקטאַר פאַרזומפּיקטע פּלעצער, וועלכע פאָדערן א מער ערנסטע מעליאָראַטיווע אַרבעט, און וועלן בּיסלעכווייז, אין א משך פון עטלעכע יאָרן, אויסגעטריקנט און אויסגענוצט ווערן פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

ווען מיר זאָלן דערווייל ניט רעכענען די גרויסע וואַלד-מאַ-סיוון, וועלכע וועלן מיט דער צייט אויך געוויס קאָנען אויסגע-נוצט ווערן דער לאַנדווירטשאַפט, האָבן מיר אַזוי אַרום דאָך א געזיכערטן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאָנד פון העכער צוויי מיליאָן העקטאַר.

קאָנקורירן מיטן בּיראָ-בּידזשאַנער ערד-שעטעך איז פאַר פּאַלעסטינע אומעגלעך. דעריבער האָבן די ציעניסטן מוירע, טאָ-מער וועט בּיראָ-בּידזשאַן אָנהויבן צוציען צו זיך די אויסלענ-דישע קאַפּיטאַלן, דערפאַר פירן זיי א פאַרביסענעם קאַמף קעגן דער יידישער ערד-איינאָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד בּיכלאַל, און קעגן בּיראָ-בּידזשאַן בּיפראַט.

---

## פאַרוואָס האָבן די ציעניסטן אַזוי ווייניק ערד אין פּאַלעסטינע?

אין פּאַלעסטינע הערשן קאַפּיטאַליסטישע געזעצן, וואו פּריוואַט-אייגנטום אַף ערד איז ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן. אין פּאַלעסטינע איז אויסגעשלאָסן יעדע מעגלעכקייט צו באַקומען אומזיסט אַפילע איין העקטאַר ערד פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. אַזעלכעס איז מעגלעך נאָר אין אַ לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. עס איז נויטיק דעריבער קלאָר מאַכן, וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוון האָבן די ציעניסטן אין פּאַלעסטינע צו באַקומען גרויסע ערד-מאַסיוון פאַר אַ ברייטער יידישער קאָלאָניזאַציע און וויפל וועט דאָס דאַרפן קאָסטן דעם יידישן קאָלאָניסט. לויט די אויבנגעבראַכטע ציפערן פון לאָרד סטענגאַן האָט דער גאַנצער באָדן פון פּאַלעסטינע דריי באַלעבאַטים. די מאַנדאַט-רעגירונג האָט אין איר רעשוס פיר און זעכציק פּראָצענט פונם גאַנצן ערד-שעטעך. די אַראַבער געהערט דריי און דרייסיק פּראָצענט און די איבעריקע דריי פּראָצענט געפינען זיך אין יידישע הענט. וואָס איז שאַ׳עך די ערד-מאַסיוון, וואָס געהערן דער רעגירונג, קאָנען זיי די ציעניסטן באַקומען אין זייער רעשוס אָדער גאָר אומזיסט אָדער פאַר אַ גאַנץ קליינעם פּרייז. די ערד איז אָבער אַזעלכע, וואָס אַפילע אומזיסט נעמט זיי אויך קיינער ניט, פּאָשעט דערפאַר, ווייל זי טויג צו גאָרנישט. מידבאַריעס, פעלזן-בערג, יאַם-זאַמדן און טיפע זומפּן קאָן מען פאַר דער לאַנדווירטשאַפט ניט אויסנוצן. אַזוי אַרום בלייבט פאַר די ציעניסטן איין אויסוועג: קויפן ערד פאַר די יידישע קאָלאָניסטן בא די אַראַ-

בער. דערביי שטויסן זיך אָן די ציִעניסטן אַף גרויסע שוועריקייטן, וואָס מאַכט צונישט זייער גאַנצע אַרבעט אַף דעם געביט.

צוליב דער גרויסער איבערבאַפעלקערונג אין פאַלעסטינע הערשט דאָרטן אַ שרעקלעכער ערד-מאַנגל און באָרנאָזיקייט. לויט דער פאָקס-ציילונג, וואָס די פאַלעסטינער רעגירונג האָט דורכגעפירט אין 1922 יאָר, באַטרעפט די אַראַבישע דאָרפישע באַפעלקערונג 511,130 נעפאשעס. כוץ דעם פארנעמען זיך אויך מיט לאַנדווירטשאפט ניט ווייניקער פון 100 טויזנט נעפאַשעס פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס וואוינען אין די שטעט יאַפע, כייפע, שכעם, כעווראָן, צפאס און אַנד. צוזאַמען האָבן מיר אַלזא אן אַראַבישע פויערשע באַפעלקערונג ניט ווייניקער פון 611 טויזנט נעפאשעס. וואַרפן מיר אָפ פונם אַראַבישן ערד-באַזיץ (לויט לאָרד סטענגאן — 834 טויזנט דעסיאַטין), דעם טייל אומטויגבארן באָדן, וואָס קאָן פאר לאַנדווירטשאפט ניט אויסגענוצט ווערן, באַקומען מיר אַף יעדער פויערשן נעפעש ניט מער ווי 0,86 העקטאר טויגבארן באדן, אָדער 4,3 העקטאר אַף אַ פויערשער מישפאָכע. ס'איז קלאָר, אז בא אזא שאַרפן ערד-מאנגל, קאָנען נאָר אַוואַנטיוריסטן פלאַפלען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ברייטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פאַלעסטינע. ווי אַזוי באַקומען פאָרט די ציִעניסטן ביסלעכווייז ערד אין פאַלעסטינע? איינפאך און פראסט. דאָס ווערט גענומען אַפן כעשבן פונם אַראַבישן פויער. אין פאַלעסטינע הערשט נאָך איצט האַלבפעאָדאַלע קלאסן-באַציאונגען צווישן פויער מיטן פאָרעץ. פון די 834 טויזנט דעסיאטין פונם אַראַבישן ערד-באזיץ געפינט זיך נאָר אַ קלייניקער טייל אין די הענט פון די אַראַבישע פויערים און איז צעבראָקלט אַף קליינע ערד-כאלאקים. אין פאַלעסטינע קאָן מען טרעפן טויזנטער פויערשעווירטשאַפטן, אין וועלכע דער ערד-כיילעק באַטרעפט אַ האַלבע, דריי פערטל און זעלטן ווען אַ גאַנצע דעסיאטין, און דאָס דינט אַלס דער איינציקער מאָקער פון כאיונע פאַר אַ גאַנצער פויערשער מישפאָכע. דער

גרעסטער טייל פונם אַראַבישן ערד-באַזיץ געפֿינט זיך אין די הענט פון די אַראַבישע פּריצים. די דאָזיקע ערד ווערט אין אַ מעשעך פון דורעס באַאַרבעט פון פּויערים אַרענדאַטאָרן, וועלכע גיבן אָפּ דעם פּאָרעץ אַ טייל פון זייער גערעטעניש.

וועגן אָפּקויפן בײַ די פּויערים זייערע קליינע כאַלאַק'ס ערד איז ניטאָ פון וואָס צו ריידן. בלייבט די ערד פונם אַראַבישן פּאָרעץ, וועלכער איז אָפטער גרייט צו פאַרקויפן זיין נאַכלע, אויב ער קאָן נאָר קריגן פאַר איר אַ פעטן פּרייז. דאָס, וואָס די ציעניסטן ווילן אָפּקויפן פון דער ערד דעם אַראַבישן פּויער-אַרענדאַטאָר, קימערט זייער ווייניק סײַ דעם אַראַבישן פּאָרעץ און סײַ די ציעניסטן. דעריבער צאָלן טאַקע די ציעניסטן פאַר דער ע"ד דעם אַראַבישן פּאָרעץ זייער הויכע פּרייזן.

צום ביישפּיל: פאַרן דאָרף נאַהיאָל, וואו עס זיינען באַזעצט געוואָרן פינף און זיבעציק יידישע מישפּאָכעס, האָבן די ציעניסטן באַצאָלט 160 טויזנט גאָלדענע רובל און נאָך 300 טויזנט רובל האָט געקאָסט מעליאָרירן דעם באָדן. צוזאַמען האָבן מיר אַ כעשבן פון 460 טויזנט רובל, וואָס באַטרעפט דורכשניטלעך צו אַכט טויזנט רובל אויף אַ מישפּאָכע.

אונזערע הימישע ציעניסטן, וועלכע האָבן אַ כוצפּע צו וואָרענען די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן פון צו גרויסע אילוזיעס בענוגע צו ביראָ-בידזשאַן, קאָנען נאָך דערווידערן, אַז פון אָט דעם איינעם פאַקט טאָר מען ניט מאַכן קיין אויספירן, אַז אין פּאַלעסטינע קאָסט דער באָדן זייער טייער. אויב אַזוי וועלן מיר זיך ניט פוילן און ברענגען נאָך אַ פּאָר פאַקטן.

די קאָלאָניע ד י ל ב א פאַרמאָגט 64 דעסיאַטין, און באַצאָלט האָט מען פאַר איר 110 טויזנט גאָלדענע רובל, וואָס באַטרעפט צו 1720 רובל אַ דעסיאַטין. אויף די 64 דעסיאַטין האָט מען באַזעצט 26 מישפּאָכעס. מיט אַן ערד-כיילעק פון צוויי מיט אַ האַלבער דעסיאַטין אויף אַ מישפּאָכע. יעדע מישפּאָכע וועט, הייסט עס, דאַרפן באַצאָלן צו 4231 רובל. די קאָלאָניע „כעפצי-באַ“ פון

127 דעסיאטין קאָסט דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע 178 טויזנט רובל. באַזעצט האט מען אַף דער ערד 23 מישפּאָכעס מיט ערד-כאלאָקים צו פינף מיט אַ האלבער דעסיאטין; יעדער קאָלאָניסט וועט דארפן באַצאָלן צו 7710 רובל.

כאָטש ערד-כאלאָקים האבן די פּאַלעסטינער קאָלאָניסטן קליי-נינקע, האבן זיי אָבער כויוועס גאַנץ גרויסינקע, פון וועלכע זיי וועלן זיך אייביק ניט אויסצאָלן. אין די אָנגעוויזענע סומען זיינען ניט אריינגערעכנט די הויצאָעס, וואס עס האָט געקאָסט די מעליאָ-ראטיווע אַרבעט; דיראָזיקע הויצאָעס פארגרעסערן די פּרייזן אף דער ערד קימאט אין צוויי מאָל.

דאס איז אָבער נאָך ווייניק. די הויכע פּרייזן, וואס די ציע-ניסטן צאָלן דעם אַראבישן פּאָרעץ פאר דער ערד, גאַראַנטירט זיי נאָך ניט, אז זיי וועלן דעם געקויפטן באָדן באקומען אין זייער רעשוס. וויל מען אף די געקויפטע ערדן אַוועקזעצן יידישע קאָלאָניסטן, דארף מען פריער אַראָפּטרייבן פון דער ערד די אַלט-געזעסענע אַראבישע פויערים, וועלכע האבן די ערד באַארבעט מיט זייער שוויס און בלוט און זיי דארפן בלייבן מיט זייערע פרויען און קינדער אָן מיטלען צום לעבן. צו הילף די ציעניסטן קומען די פּאָליציי און די זשאַנדארמען, וועלכע זיינען געטרייע פּאַרטיידיקער פון קאַפּיטאליסטישן פּריוואַט-אייגנטום און טרייבן אַראָפּ מיט דער גרעסטער אַכזאָריעס די אַראבישע פויערים פון דער ציעניסטישער ערד. די פויערים גיבן אָבער אַ געהעריקן ווידערשטאַנד, וועלכער ענדיקט זיך אָפט מיט בלוטיקע צוזאמענ-שטויסן צווישן דער אראבישער און יידישער באפעלקערונג. דעריבער טרעפן אָפט אַזעלכע פאַלן, ווען, ניט געקוקט אַף אַלע אַכזאָריעסדיקע מיטלען, וואס די ציעניסטן נעמען אָן צו פאַר-טרייבן די פויערים, בלייבן זיי דאָך זיצן טיילווייז אָדער אינגאַנצן אַף זייערע פעלדער. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ראָטשילד מיט אַ יאָר פופצן צוריק געקויפט באם טייך יארדן פינף טויזנט דעסיאטין ערד. פונדעסטוועגן זיצן נאָך דאָרטן ביז היינטיקן טאָג עטלעכע

טויזנט אַראַבישע מישפּאָכעס, וועלכע מע האָט ניט געקאָנט אַראָפּטרייבן פון דער געקויפטער ערד. קויפנדיק דעם באָדן פונם דאָרף נאַהלאַל, וועלכער האָט אָפּגעקאָסט, ווי מיר האָבן אויבן געזען, 460 טויזנט רובל, זיינען דאָך די ציעניסטן געצוואונגען געווען לאָזן אַ דריט - כיילעק פונם געקויפטן ערד - שטעטך אין די הענט פון די אַלטגעזעסענע אַראַבישע פויערים. מיט אַזוינע פאַקטן איז גאַנץ רייך די כראָניק פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. דאָס ווערטל: „קעסעף מעטאַהער מאַמזיירים", וואָס באַטייט, אַז מיט געלט קאָן מען אַלץ מאַכן, איז צו פּאַלעסטינע ניט אַלע מאָל צוגעפּאַסט. פאַר גרויסע געלט קאָן מען טאַקע בּיסלעכווייז קויפן ערד באַם אַראַבישן פאָרעץ, דאָס איז אָבער ניט אַלע מאָל אַ גוטער מיטל צו פּטור ווערן פון אַראַבישן פויער. די אַכזאָריעסדיקע מיטלען פון די ציעניסטן בענויגייע דעם אַראַבישן פויער שאַפט אויך אַ קרענקלעכע סינע צווישן דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג. דער יידישער קאָלאָניסט איז אין פּאַלעסטינע קיינמאָל ניט זיכער מיט זיין פאַרמעגן און אַפילע מיט זיין לעבן. אָט פאַרוואָס מיר זעען אַזוינע קלאָגעדיקע רעזולטאַטן, ווען דער גאַנצער יידישער ערד-באַזיץ באַטרעפט אין פּאַלעסטינע ניט-מער ווי עטלעכע און זיבעציק טויזנט העקטאַר. און דאָס איז פאַר 50 יאָר אַרבעט. קיין גרעסערן באַנקראָט איז זיך שווער פאָרצושטעלן.

דער ציעניזם, אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, איז דער אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון דער עקאָנאָמישער פאַרצווייפלונג פון יידישן קליינבירגערטום און פון די דעקלאַסירטע עלעמענטן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. זיי האָבן געהאָפט — און האָפן נאָך איצט אויך, אַז אין פּאַלעסטינע וועלן זיי גרינדן אַ יידישע מעלוכע און דערווערבן אַ מאָקעם - מענוכע פאַר זייער עקזיסטענץ. דאָס איז די הויפּט - סיבע, פאַר וואָס דער ציעניזם האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ גרויסע ווירקונג אויף די ברייטע שיכטן פונם יידישן קליינבירגערטום אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. כאָטש

די רעזולטאַטן פון דער פופציק-יאָריקער ארבעט אין פּאַלע-
סטינע זאָגט איירעס, אז די האָפענונגען אַף אַן „אייגן" לאַנד
איז אַ ביטערער כאָלעם, דאָך האַלט מען זיך פאַרן ציעניזם
זייער פעסט, ווייל אין דעם כאָלעם, אין דער האָפענונג אַף אַן
אייגן לאַנד, וואָלט דאָס לעבן פון קלייןבירגערטום ווערן נאָך
פוסטער און נאָך האָפענונגסלאָזער. גאָר אַנדערש איז די לאַגע
באַ אונז אין ראַטנפאַרבאַנד. ניט געקוקט דערויף וואָס דער
יידישער קלייןבירגער אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרלירט אויך זיין
פריערדיקע עקאָנאָמישע באַזע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנט-
וויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, דאָך איז באַ אים
ניטאָ, און קאָן ניט זיין, די פאַרצווייפלונג פונם קלייןבירגערטום
אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס
די ראַטן-רעגירונג באַזאָרגט גלייכצייטיק דעם עקאָנאָמיש אונ-
טערגייענדיקן קלייןבירגער מיט אַנדערע מער געזיכערטע, מער
שטאַנדהאַפטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. פון איין זייט, ווערט
דער קלייןבירגער אין ראַטנפאַרבאַנד ביסלעכווייז אַריינגע-
צויגן אין פאַבריק און, פון דער צווייטער זייט, גיט אים די
ראַטנמאַכט זייער גינסטיקע מעגלעכקייטן איבערצוגיין צו ערד-
אַרבעט. אָט די עקאָנאָמיש געזיכערטע פּערספּעקטיוון אין דער
צוקונפט, וואו דער יידישער קלייןבירגער ווערט ביסלעכווייז
פאַרוואַנדלט אין אן עכטן האָרעפּאַשניק און ווערט דורך דעם
אַריינגעצויגן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון ראַטנפאַר-
באַנד, גראָבט אונטער אינגאַנצן די ציעניסטישע פאַרצווייפלונגס-
פּראָגראַם און דורכדעם פאַרלירן די ציעניסטן זייער אידעאָלאָגישע
ווירקונג אַף די ברייטע שיכטן פונם יידישן קלייןבירגערטום אין ראַטנ-
פאַרבאַנד. דער יידישער קליין-הענדלער, ניטקוואַליפיצירטער קוס-
טאַר און סטאַם דעקלאַסירטער האָט אַ מעגלעכקייט רואיק צו
באַטראַכטן, וואָס עס לוינט פאַר אים בעסער: צי פאָרן אין
פּאַלעסטינע באַ די אויבן-אָנגעוויזענע באַדינגונגען, אדער פאָרן
אין בירא-בידזשאַן, וואו די ראַטנמאַכט האָט אָפּגעגעבן אַ טערי-

טאָריע פון קאַרגע פיר מיליאָן העקטאר, וואו יעדער איבערוואַנדערער קריגט אן אומזיסטן ערד-ביילעק פון 25 העקטאר מיט אַ ויי להאָטעס באַם איבערפאָרן און באַם איינאָרדנען זיך אינם נייעם יישעוו; וואו די נויטיקע מעליאראטיווע אַרבעטן ווערן דורכנעפירט אַפן כעשבן פון דער מעלוכע און ער קריגט באַדייטנדיקע קרעדיטן אף גינסטיקע באַדינגונגען צו בויען זיין ווירטשאַפט; וואו מע דאַרף ניט אונטערקויפן קיין פאָליציי און זשאַנדאַרן, זיי זאַלן מיט געווער אין די הענט פאַרטרייבן פון דער ערד די אַלטגעזעסענע פויערים; וואו עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין קיין נאַציאָנאַלער האַס און קיין נאַציאָנאַלע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, און וואו די נייע יידישע האָרעפאַשניקעס וועלן אַליין ווערן די בויער פונם נייעם יישעוו סאַי אַפן קולטורעלן און סאַי אַפן מעלוכישן געביט. דערפון איז קלאָר, אז די צוציאונגס-קראפט פאַרן יידישן קליינב׳רגער און דעקלאַסירטן וועט זיין בירא-ב דושאַן און ניט פאַלעסטינע.

# דער פרייז און די גרייס פון אַ פויערשער ווירט-שאַפט אין פּאַלעסטינע און אין בירא-בידזשאַן

ווי מיר האָבן אויבן געזען, זיינען די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין פּאַלעסטינע אַזעלכע, אַז א מאסן-קאָלאָניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דאָרטן אויסגעשלאָסן.

איצט וועלן מיר באַטראַכטן די פראַגע, אַף וואָס פאר אַ גליקן עס קאָנען האָבן די יידישע פויערים אין פּאַלעסטינע דאַן, ווען מע האָט שוין דורכגעמאַכט אַלע שווע-מעדורס-געהענעם, און די ערד איז שוין מיט מאַזל באַם אַראַבישן פּאָרעץ געקויפט געוואָרן און פון די אַראַבישע פויערים שוין אויך פּאָטער געוואָרן. צוליב דעם איז נויטיק באַקאָנען זיך מיט פּאָלגנדיקער טאַבעלע.

## די הויצאָעס אַף איין פויערשער ווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע

| דער נאָמען פון דער קאָלאָניע | די צאָל ערד פון דער קאָלאָניע אין דעס. | די צאָל ווירטשאַפטן אין דער קאָלאָניע | וויפל האָט געקאָסט די ערד אין טויזנטער רובלס | וויפל האָט געקאָסט מע־ליאָראַצ. אינוועונטאַר און בויאונג אין טויז. רובלס | וויפל האָט געקאָסט די גאַנצע קאָלאָניע אין טויזנטער רובלס | וויפל דעסיאַטין ערד אַף איין פויערשע ווירט־שאַפט | וויפל האָט געקאָסט איין פויערשע ווירטשאַפט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דילבאַ . . . | 64 | 26 | 110 | 153 | 263 | 2.4 | 9346 |
| כולדאָ . . | 198 | 21 | 110 | 375 | 485 | 9 | 23118 |
| גאַן - שמועל . | 54 | 16 | 22 | 171 | 193 | 3,3 | 12085 |
| מערכאַוויאָ . | 218 | 20 | 103 | 202 | 305 | 10 9 | 15290 |
| כעפצי - ווא . | 127 | 23 | 178 | 89 | 267 | 5,5 | 11598 |
| דגאַניאָ . . | 113 | 24 | 22 | 173 | 195 | 4,7 | 8200 |
| קינערעס . . | 128 | 32 | 32 | 205 | 237 | 3,8 | 8033 |

פּאטראכטנדיק דיראָזיקע טאבעלע, וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן דאָס, וואָס דער ערד-שעטעך פון די קאָלאָניעס איז זייער אַ קליינער. די גרעסטע קאָלאָניע קינערעס האָט ניט מער ווי 32 מישפּאָכעס. מערכאוויאָ האָט אַ גרעסערן ערד-שעטעך פון קינע-רעס און דאָך האָט מען דאָרטן ניט געקאָנט באַזעצן מער ווי 20 מישפּאָכעס. מינאַסטאַם איז דאָרטן אַ טייל פון דער ערד ניט טויגבאר פאר לאַנדווירטשאפט.

דאָס באַשטעטיקט נאָך אַמאָל אונזער פריערדיקע באהויפּטונג, אַז גרעסערע ערד-מאסיוון איז אפילע כאר גרויסע געלט-סומען אין פאלעסטינע אויך שווער צו באקומען. דעריבער מוזן זיך די ציעניסטן באַנוגענען מיט אזוינע „גרויסע" טעריטאָריעס, ווי אין דילבא פון 64 דעסיאטין, אָדער ווי אין גאַן-שמועל — פון גאנצע 54 דעסיאטין. קאָלאָניעס פון 16 אָדער אפילע פון 32 מישפּאָכעס מוזן ברענגען צו א קולטורעלער און גייסטיקער אָפּגעשטאַנענ-קייט פון די קאָלאָניסטן. אזא קאָלאָניע איז ניט בעקויעך אויס-צוהאלטן אפילע א לערער פאר זייערע קינדער. וועגן אנדערע קולטורעלע אַנשטאלטן איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן. דאָס קי-מערט זייער ווייניק אונזערע ציעניסטישע „פּאָלקס-פּאַרזאָרגער". פאר זיי איז גענוג, ווען זיי האָבן א מעגלעכקייט שטארקער קלאפּן אין דער ציעניסטישער צראָקע-פּושקע און שרייען אַף דער גאנצער וועלט, אז זיי האָבן מיט נאָך א גענעך-קאָלאָניע דאָס יידישע פאָלק מעזאָקע געווען.

גוואלדיק קליין זיינען די ערד-כאלאָקים פון די ווירטשאפטן אין די קאָלאָניעס. דער גרעסטער ערד-כיילעק אין כולדא בא-טרעפט ניט מער פון 9 העקטאר. עס זייגען אָבער אויך דאָ אזוינע ערד-כאלאָקים ווי אין גאַן-שמועל פון 3.3 העקטאר, אין דילבא פון 2.4 העקטאר, אין קינערעס כון 3.8 העקטאר, אין דגאניאָ פון 4.7 העקטאר א. א. וו. טאָמער איז די אויבן געבראכטע טאבעלע ווייניק, וועלן מיר ברענגען נאָך עטלעכע ציפערן.

## די גרייס פון ערד-כיילעק אין די קאָלאָניעס

| | | | |
|---|---|---|---|
| טיכע . . . | 3,3 דעסיאַטין | בייס - אַלפאַ . . | 3,6 דעסיאַטין |
| קאַרקיר . . . | 9,3 „ | צריפין . . . | 6,1 „ |
| יאַזשור . . . | 3,7 „ | זשינזשאַר . . . | 4 „ |
| גיוואַ . . . | 7 „ | טעל - יאָסעף . | 4,4 „ |

דידאָזיקע ציפערן אילוסטרירן אַמבעסטן, וואָס פאַר אַ „גליקלעכן" לעבן עס קאָן מאַכן דער יידישער קאָלאָניסט אַף אזא ערד-נאַכלע. קיין גרעסערע נאַכלע קאָנען אָבער די ציוניסטן באַם בעסטן ווילן, ניט געבן דעם יידישן קאָלאָניסט, צוליב דעם גרויסן ערד-מאַנגל און אויך צוליב דער שווערקייט צו באַקומען ערד-באָדן אין פּאַלעסטינע.

דאָך, ניט געקוקט אַפן קליינעם ערד-כיילעק, קאָסט אַ ווירטשאַפט אין פאַלעסטינע גוואַלדיק טייער. די ביליקסטע ווירטשאַפט אין קינערעס פון 3,8 דעסיאַטין קאָסט העכער 8 טויזנט רובל, אין גאַן-שמועל פון 3,3 דעסיאַטין — העכער 12 טויזנט רובל און אין כולדא מיט אַן ערד-כיילעק פון 9 דעסיאַטין דערגרייכט שוין דער פּרייז פון אַ קאָלאָניסטישער ווירטשאַפט העכער 23 טויזנט רובל.

ווי האַלט עס אין בירא-בידזשאַן? אַלעמען איז באַוואוסט, אז פאַר דער ערד צאָלט מען בא אונז ניט. דאָס איז א מאַטאָנע דעם האָרעפּאַשניק פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. פרייע ערד אין בירא-בידזשאַן איז דאָ איבערגענוג, און דעריבער קאָנען מיר זיך דערלויבן דעם לוקסוס צו געבן אַן ערד-נאַכלע פון 25 העקטאַר, וואָס קאָן פולשטענדיק פאַרזיכערן דעם איבערוואַנדערער מיט אַ מיטעלן עקאָנאָמישן צושטאַנד. די איבעריקע הוצאָעס אַף דער ווירטשאַפט, ווי מ ליאָראַציע, הייזער-בויאונג, אינווענטאַר, לעבעדיקן און טויטן, זאָט א. א. וו., דאַרפן קאָסטן, לויט דער אויסגעאַרבעטער סמעטע פון „קאָמערד" עטוואָס העכער פון 1200 ר. פון דער סומע גייט אראָפּ אַן ערעך א רובל 600,

וואָס די מעלוכע נעמט אַף איר כעשבן, מעליאָראַציע, וועגן-בויאונג, באַוואַסערונג א. א. וו.

די ריינע הויצאָעס, וואָס פאַלן אפן איבערוואַנדערערס ווירטשאַפט און וועלכע דער איבערוואַנדערער וועט דאַרפן אין אַ מעשעך פון יאָרן צוריק אומקערן דער ראַטן-מעלוכע, באַטרעפט אַלזאָ אַן ערעך 1600 רובל. ווען מיר פאַרגלייכן די ציפערן פון בירא-בידזשאַן מיט די ציפערן פון פאַלעסטינע, באַקומט זיך, אַז אפן ערד-כיילעק, וואָס מיר גיבן איין איבערוואַנדערער, וואָלטן די ציעניסטן אין פאַלעסטינע אוועקגעזעצט פינף און מערער מישפּאָכעס. פאַרקערט, פאַרן געלט וואָס די ציעניסטן גיבן אויס אַף איין קאָלאָניסטישער ווירטשאַפט אין פאַלעסטינע, קאָנען מיר אין בירא-בידזשאַן איינאָרדנען א גאַנצן מיניען יידן. פון דעם איז פאַר יעדן לאָגיש-דענקענדיקן מענטשן קלאָר, אַז בויען א יידישע קאָלאָניע אין פאַלעסטינע הייסט פּאָשעט-פאַרשווענדן געזעלשאַפטלעך געלט.

## די קלימאַטישע באַדינגונגען אין ביראַ-בידזשאַן און אין פּאַלעסטינע

זייער שווער קומט אָן די ציוניסטן צו באַקומען ערד פאַר אַ
יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. די אַלטע מעטאָדן פון
אָפּקויפן דעם פּאָרעצס נאַחלע און דערנאָך, מיט דער הילף פון
געריכט און זשאַנדאַרן, אַראָפּטרייבן פון דער געקויפטער ערד
די אַראַבישע פּויערים איז אויך שווער געוואָרן. אין 1921-טן
יאָר האָט די פּאַלעסטינישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ
לויט וועלכן דער פּאָרעץ, וואָס פאַרקויפט זיין ערד-נאַחלע, איז
מחויעוו צו באַזאָרגן מיט ערד-חלאָקים די אָנטערמיניקע
אַרענדאַטאָרן. דער אַקטיווער ווידערשטאַנד פון די פּויערים און
די היסכאַיוועסן פון פּאָרעץ צו באַזאָרגן די פּויערים מיט אַנדע-
רע, כאָטש מינימאַלע, ערד-נאַחלעס, מאַכט קימאַט פאַר אומעג-
לעך צו באַקומען נייעם באָדן. אָבער קאָלאָניזירן יידן, כאָטש
ביסלעכווייז, מוז מען דאָך, אויב ניט, וועלן דאָך די ציוניסטן
מוזן מודע זיין פאַר גאָר דער וועלט אין זייער פולשטענדיקן
באַנקראָט. דערמיט וועלן זיי אונטעררייסן די אילוזאָרישע האָפ-
נונגען פונם יידישן קליינבירגערטום אין די קאַפּיטאַליסטישע
לענדער אף אַן ערעץ-ייסראָעל. און דאָ שטעקט אַ סאַקאָנע פאַר
דער ציוניסטישער צדאָקע-פּושקע, וועלכע איז איצט געוואָרן
אַ לעבנס-קוואַל פאַר טויזנטער ציוניסטישע באַאַמטע און זייע-
רע מעקוראָווים. בלייבט, הייסט עס, דער איינציקער אויסוועג:
קריכן אין די פּאַלעסטינער זומפּן, וועלכע דאַרפן ווערן די אויס-
לייזער פון יידישן פאָלק פון די גאָלעס-לענדער.

דאָס, וואָס אין די זומפּיקע ערטער קומען אום פון קאַדאָכעס טויזנטער מענטשן, קימערט זייער ווייניק אונזערע ציִעניסטישע „באַלעבאַטיוועס“. די געאולאַס-האָאָרעץ טראָגן די ציִעניסטן אף די ביינער פונם אַראָפּגעטריבענעם אַראַבישן פויער און — פונם ניי-באַזעצטן יידישן קאָלאָניסט.

דאָקטאָר רופּין שרייבט אין „ההתישבות החקלאית“, אז דער זומפּ, די נעסט פון מאַלאַריע, איז די פּלאָג פון לאַנד; פּאַלעסטינע האָט פון דעם אמשווערסטן געליטן אין די לעצטע יאָר-הונדערטן און איר באַפּעלקערונג איז פון דעם פאַרקלענערט געוואָרן. הונדערטער כורוועס אין לאַנד באַצייכענען די ערטער, וואו עס זיינען פריער דערפער געוועז. זייערע איינוואוינער זיינען אָדער אויסגעשטאָרבן, אָדער זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע פלעצער און באַזעצט זיך אין די בערג. די יידישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינע האָבן אויך שטאַרק געליטן פון מאַלאַריע און אין אייניקע קאָלאָניעס, צום ביישפּיל, כעדערא, יעסוד-האַמאַ־לא, מישמאר-האיארדן איז א באַדייטנדיקע טייל פון די קאָלאָניסטן אומגעקומען, די איבעריקע זיינען פאַרבליבן אינוואלידן.

די סטאַטיסטישע אויספאָרשונג פון 1923-טן יאָר אין איינע פון די עלטסטע קאָמונעס, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין די זומפּן פון שוימרוין, גאן-שמועל, האָט באַוויזן, אַז קיין איינער פון די גרינדער איז אין קאָמונע ניט פאַרבליבן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַפילע די שטאַרקסטע און איבערגעגעבנסטע מיטגלידער קאָנען דאָרטן מער ווי דריי יאָר ניט אויסהאַלטן. פון סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט איז דאָס אָרט א מעסוקענס. פילע זיינען דאָרטן אינגאַנצן אומגעקומען און אַסאַך זיינען פאַרבליבן אינוואַלידן. די לאַנדווירטשאַפטלעכע קוואוצעס (קאָמונעס) טעל-יאָסעף, האַשוימער-האַצאאיר און כעפצי-ווא, וואָס געפינען זיך אין איימעק-ייזרעל, מוזן נאָך ביז הייניקן טאָג האַלטן זייערע קינדער אין א צווייטן יידישן דאָרף קפאַר-יעכעזקל, וואס געפינט זיך אַף אַ בערגל, וואו די ק דאָכעס איז פיל שוואכער.

יאקאָוו ראַבינאָוויטש שרייבט אין „האפּיעל-האצאַאיר“, אַז דאָס אָרט פון דער איצטיקער קאָמונע מערכאוויא איז פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג גערופן געוואָרן „דאָס אָרט, וואו קיין קינדער וואַקסן ניט“. די קאַדאָכעס-קרענק איז אין דעם אָרט געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילע די מער צוגעפּאַסטע אַראַבישע קינדער פלעגן קימאַט אָן אויסנאַם שטאַרבן נאָך אין די קינדער-יאָרן. שוידערלעך איז דאָס, וואָס עס האָבן אין מערכאוויאָ איבערגעלעבט די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן, באַזונדערס די מוטערס, בעאייס זיי האָבן געמוזט מאַקרעוו זיין דעם קאַדאָכעס-מוילעך זייער בלוט און פלייש, זייערע קליינע קינדערלעך. אַ ציעניסטישער באַטלען וועט געוויס אָנשטרענגען אַלע זיינע קויכעס און דערווייזן, אַז אין בירא-בידזשאַן איז אויך דאָ זומפּיקע ערטער—פונדעסטוועגן זאָגן מיר זיך ניט אָפּ פון בירא-בידזשאַן, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי זיך אָפּזאָגן פון פּאַלעסטינע. מיר לייקענען ניט, אין בירא-בידזשאַן איז דאָ א היפּש ביסל פאַרזומפּיקטע פלעצער. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער אויבערשטער שיכט פון באָדן איז באַדעקט מיט א געדיכטן שיכט האָריזאָנטאַל צעצווייגטע, ניט כאַרפוילטע וואָרצלען; זומער אין רעגן-פּעריאָד ווערט ער שטאַרק צעווייקט, אָנגעדראלן און לאָזט ניט דורך דאס רעגן-וואַסער אין דער טיף. אַלס רעזול-טאַט פון די בלאָטעס, האָבן מיר אין בירא-בידזשאַן דעם „גנוס“, אַ שלאַל אינזעקטן, וועלכע באַאומרואיקן גאנץ שטאַרק אין די זומער-כאַדאָשים די באַלעכאַים און די מענטשן. עס וועט געוויס אויסקומען אַוועקלייגן א היפּש ביסל קויכעס מיט געלט-מיטלען, איידער מיר וועלן אויסטריקענען די זומפּן און פּאָטער ווערן פון „גנוס“. אָדער דער קאַדאָכעס-מוילעך, וואָס זאָל שטעלן אין געפאַר דעם געזונטס-צושטאַנד פון די איבער-וואַנדערער, איז אין בירא-בידזשאַן ניטאָ.

דער פּראָפעסאָר ברוק, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער עקספּעדיציע פון „קאָמערד“ אַף אויסצופאָרשן בירא-

בידזשאַן, שרייבט וועגן קלימאַט און סאַניטאַרן צושטאַנד פון ראַיאָן אָט וואָס:

„די אַרקטיקע באַפעלקערונג קלאָגט זיך ניט אַף די ווינטערדיקע קעלטן און רעכנט, פאַרקערט, דעם ווינטערדיקן פעריאָד פאַר אַ גינסטיקן; ער גיט אַ מעגלעכקייט דער אַרטיקער באַפעלקערונג צו פאַרדינען פון געיעג און וואַלד-אַרבעט. די פאָזיטיווע שטריכן פונם אַרטיקן קלימאַט שטאַמען פון די באַזונדערקייטן אין דער לאַגע פון דעמדאָזיקן ראַיאָן, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בערג פון צאָפן, מיזרעך און מאַירעוו. אַלס רעזולטאַט דערפון זיינען: די ווינטן ניט קיין שטאַרקע. אַ שטיל וועטער, ניט קיין באַ-יאמישע שטורעמס, קיין טאַיפונען און קיין נעפלען, גרויסע זוניקייט, טרוקנקייט פון דער לופט אין מעשעך פונם גאַנצן יאָר, אויסער דעם זומער-סעזאָן; דאָס דערלויבט לייכטער אַריבערטראָגן די ווינטערדיקע קעלטן. דער ראַיאָן באַפרידיקט אין סאַניטאַריש-היגיענישער הינזיכט, באַזונדערס איז אַלץ קעשורע אין הינזיכט פון טובערקוליאָז און מאַלאַריע. דער ראַיאָן האָט אַ פולקאָם געזונטן קלימאַט און געזונט זיס וואַסער אין טייכן, קוואַלן און ברונעמס. דער „גנוס" רופט ניט אַרויס קיין באַזונדערע קרענקלעכע דערשיינונגען. אין אַסאַך ערטער פונם אייראָפעאישן טייל אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען שטאַרק פאַרשפרייט דידאָזיקע אינזעקטן. אין אַ ווילדן, ניט באַוואוינטן לאַנד מערן זיך דידאָזיקע אינזעקטן, נאַטירלעך, אומגעהויער, שפייזנדיק זיך מיט פאַרשיידענע פוילנדיקע רעשטן אין די זומפּן און אין די וועלדער. ווירקלעך, אין די טאַיגע-ראַיאָנען איז דער גנוס זייער אַ שווערע דערשיינונג. אָבער אין די סטעפּישע פלעצער, וואו עס וועט זיך דעריבער פירן די איינאָרדענונג פון די איבערוואַנדערער אין מעשעך פון אַסאַך יאָרן, באַזונדערס נעבן די באַזעצטע פונקטן, איז דעם גנוס ניט באַזונדערס שווער איבערצוטראָגן. ביפראַט נאָך, אַז ווען די געגנט ווערט אַ ביסל באַוואוינט, ווען זי ווערט דורכגעאַקערט,

אויסגעטריקנט און אַרומגעטאָפּטשעט, פאַרשווינדט דער גנוס אײַנגאַנצן.

דער דאָקטאָר הארבאצעוויטש שרײַבט אין זײַן בוך „כאבאראָווסקער קלימאַט“ (אַרויסגעגעבן אין 1894 יאָר) אָט וואָס:

„די שאַרפע וואַקלונגען פון דער טעמפּעראַטור ווירקט נעגאַטיוו אַף די נערוון, כאָטש פרויען טראגן איבער די וואַקלונגען פון דער טעמפּעראַטור אַסאַך גרינגער ווי די מענער. אין אַלע איבעריקע הינזיכטן איז דער קלימאַט אַ געזונטער, געזונטע מענטשן טראָגן אים זייער גוט איבער, עס ווירקט נאָר ניט גאָר אמבעסטן אף מענטשן שוואַכע, אויסגעמאַטערטע און קרענקלעכע. די שטערבלעכקייט איז אין כאַבאַראָווסקער ראַיאָן דיזעלבע, ווי אין די איבעריקע שטעט פון צענטראַל-רוסלאַנד און די שטערבלעכקייט פון קינדער איז נידעריקער, ווי אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד. קלענער איז אויך די שטערבלעכקייט פון טובערקוליאָז. די טרוקענע לופט פונם ראַיאָן איז זייער ניט גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון עפּידעמישע קראַנקהייטן. מאלאריע איז אין דעם ראַיאָן ניט אַנטוויקלט. אין דער מעדיצינישער פראַקטיק זײַנען פאַלן פון מאַלאַריע-קראַנקהייטן אַ זעלטענע דערשײַנונג“.

דאָס האָבן מיר אַן אַווטאָריטעטע מיינונג וועגן די קלימאַטישע באַדינגונגען פונם ראַיאָן; דיראַזיקע ספּעציאַליסטן באַשטעטיקן, אַז דער קלימאַט איז אַ פולשטענדיק געזונטער. איצטער האָבן מיר שוין אויך אַ מעגלעכקייט אויסצוהערן די אַווטאָריטעטע מיינונג פון עטלעכע הונדערט איבערוואַנדערער, וואָס האָבן אין ביראַ-בירזשאַן דורכגעמאַכט דעם שווערסטן קלימאַטישן פּעריאָד פון יאָר. מיר האָבן געהערט, ווי אַ טייל פון די איבערוואַנדערער האָבן זיך שטאַרק געקלאַגט אַפן „גנוס“ און אַפילע פאַראַזן צוליב דעם די פאָנרן. מיר האָבן אָבער ניט געהערט, אַז ווער ניט איז פון זיי זאָל זיך קלאָגן אַפן אומגעזונטן קלימאַט, וועלכן עס איז זיי שווער איבערצוטראָגן.

דאָס, וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל פון די איבערוואַנדערער נעמט שוין צו אַהין זייערע פרויען און קינדער, איז דער בעסטער באַווייז, אַז דער קלימאַט איז אַ געזונטער, פאַר קאַדאַכעס וועט קיין איינער פון די ביראָ-בידזשאַנער איבערוואַנדערער ניט דאַרפן מאַקרעוו זיין זיינע קליינע קינדערלעך. ניט געקוקט אַף דער אָנוועזנהייט פון גרויסע פאַרזומפּיקטע פלעצער איז ביראָ-בידזשאַנער ראַיאָן גינסטיקער, אין הינזיכט פון מאַלאַריע, איידער די פאָנדן פון קריוואָראָג און כערסאָן, וואו די איבערוואַנדערער ליידן אָפט פון מאַליאַריע. עמעס, קיין טויט-פאַלן איז אין קריוואָראָגער און כערסאָנער קרייזן אויך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען דערפאַר, ווייל דאָרטן זיינען ניטאָ די „הייליקע“ זומפּן פון ערעץ-יִיסראָעל.

עס איז געוויס מעגלעך, אַז דאָס יידישע קליינבירגערטום און די אָרעמקייט פון פוילן, גאַליציע און רומעניע, וועלכע ווערן ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און האָבן ניט קיינע פּערספּעקטיון אין דער צוקונפט, וועלן זיין געצוואונגען זיך ווייטער לאָזן פאַרפירן פון דער ציעניסטישער אַוואַנטיורע און קריכן אין די קאַדאַכעס-זומפּן פון הייליקן לאַנד. פאַר אונזערע האָרעפּאַשנע מאַסן איז דאָרטן קיין אָרט ניטאָ דערפאַר, ווייל זיי האָבן גענוג געזיכערטע עקאָנאָמישע פּערספּעקטיון באַ אונז אין ראַטנפאַרבאַנד.

מיט אַ גרינג האַרץ וועלן די יידישע האָרעפּאַשניקעס פון ראַטנפאַרבאַנד גרייט זיין אָפּטרעטן זייער כיילעק אין די פּאַלעסטינער קאַדאַכעס-זומפּן פאַר דער נעפּמאַנישער בורזשואַזיע, וואָס ווילן פאַר קיין פאַל ניט איבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. פאַר זיי איז דאָ איין אויסוועג, אָדער האָבן קאַדאַכעס אין ראַטנפאַרבאַנד אָדער קרענקען אַף קאַדאַכעס אין פּאַלעסטינע.

---

# די עקאָנאָמיש-ווירטשאפטלעכע פּערספּעקטיוון אין ביראָ-בידזשאן און אין פּאַלעסטינע

די, וועלכע זיינען ווייניק באקאנט מיט די אָביעקטיווע ווירטשאפטלעכע באדינגונגען פון פּאַלעסטינע און לעבן נאָך מיט די פאנטאזיעס פון אמאָליקן כיידער, וואָס דער רעבע האָט זיי דערציילט, אַז ערעץ-ייסראָעל איז א לאַנד, וואו עס רינט מילך מיט האָניק, און בולקעס וואקסן דאָרטן אַף די בוימער, קאָנען בא זיך קלערן, אַז אין אַזאַ גאניידן ווי ערעץ-ייסראָעל, איז גאָר ניט נויטיק קיין גרעסערע ערד-נאכלע אַף א לאנדווירטשאַפט, ווי די, וואָס עס באַקומען די דאָרטיקע קאָלאָניסטן. אין ערעץ-ייסראָעל איז דאָך די ערד, מינאסטאם, אַן אויסערגעוויינלעך גוטע, זי גיט אזויפיל פּראָדוקטן, אַז עס איז ניט נויטיק קיין גרעסערע ערד-נאַכלע.

אינדערעמעסן איז אָבער די גאַנצע מאיסע, מיט דער מילך און האָניק, וואָס רינט אין די גאַסן און די בולקעס, וואָס וואקסן אַף די בוימער, פון אָנהויב ביזן סאָף אַן אויסגעטראַכטע. דער רעבע, זאָל ער אונז מויכל זיין, האָט אין כיידער זיינע טאלמידים א גרויסן און אַ גראָבן ליגן געזאגט.

אַדאַנק דעם מוירעדיקן ערד-מאנגל און ערדלאָזיקייט איז אין פּאַלעסטינע קיין לאָנקעס און קיין נאַטירלעכע פּוס-פּיטער ניט פאַראַן. יעדעס שטיקעלע ערד, וואָס קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר אקער-באָדן, ווערט אויסגענוצט פאר פעלד-קולטורן. פאַר פּאַשע בלייבן נאָר די זומפּן, בערג און די שמאָלע טאָלן צווישן די בערג. צו אַזוינע פּלעצער זיינען אַפילע די קליין-

געוויקסיקע אַראַבישע קי ווייניק ציגעפאַסט. דעריבער זיינען א'ן פאַלעסטינע מער פאַרשפרייט ציגן און שעפסן.

בעסאכאקל זיינען אין 1922-טן יאָר געווען אין גאנץ פאַלעס-טינע 24681 קי און 57785 קעלבלעך; דאָס מאכט אויס דורכ-שניטלעך צו 0,2 קי און א האַלב קעלבל אַף א פויערשער מיש-פּאָכע. דאָס איז דער בעסטער באווייז, אז אנטוויקלען די פי-צוכט אין פאַלעסטינע אין א באַרייטנדיקן מאסשטאב — איז אומעגלעך. אין א לאנד, וואו ציגן פארבייטן קי, איז אביסל שווערלעך, אז מילך זאָל רינען אין די גאַסן. דערפון איז אויך קלאָר, אַז אַף קיין האכנאָסע פון מילך-ווירטשאַפט קאָן דער יידישער קאָלאָ-ניסט ניט האָפן. ניט בעסער איז דאָרטן אויך די לאגע מיט בינען-צוכט. וואָס איז שאיעך בולקעס, וואָלטן די ציעניסטן געווען צופרידן, ווען זיי וואָלטן געוואקסן כאָטש פון דער ערד, ווי אין אַנדערע לענדער. פאַקטיש זיינען די פאַלעסטינער גערע-טעניש נידעריקער, ווי אין אנדערע לענדער און אויך ווי אין בירא-בידזשאַן.

צוליב קלאָרקייט, וועלן מיר פאַרגלייכן די אָפיציעלע יעדיעס פון דער פאַלעסטינער רעגירונג וועגן דער דורכשניטלעכער גערעטעניש פון א דעסיאטין ערד אין פאַלעסטינע, מיט די ציפערן, וואָס מיר האָבן פון בירא-בידזשאַן.

| | די דורכשניטלעכע גערעטעניש פון א דעסיאטין אין פאַלעסטינע | די דורכשניטלעכע גערעטעניש פון אַ דעסיאטין אין בירא-בידזשאַן |
|---|---|---|
| ווייץ . . . . . | 35 פוד | 59 פוד |
| גערשטן . . . . | 60 " | 70 " |
| קוקורוזע . . . . | 33 " | 63 " |

איינער פון די בעסטע עקאָנאָמיסטן אין פאַלעסטינע ג. יאראי מאכט אַזאַ כעשבן: אַף האָדעווען איין בעהיימע אין משך פון א יאָר דארף מען האָבן, לויט די פאַלעסטינער גערעטענישן, ניט ווייניקער ווי פינף דעסיאטין ערד. א הון עסט אויף צוויי פוד קערנער א יאָר. אזוי ארום קאָן אַ דעסיאטין ערד שפייזן ניט

מער פון 20 הינער, אין רעזולטאט באקומט זיך, אז ניט דער קאָלאָניסט עסט אויף די הון, נאָר, פארקערט, די הון עסט אויף דעם קאָלאָניסט.

די גערעטעניש אין פאַלעסטינע איז אַזוי קליין, אז זי איז ניט ביכוילעס צו שפייזן די באַפעלקערונג און דעריבער איז מען געצוואונגען אריינפירן יערלעך פון אַנדערע לענדער אין פאַלעסטינע אַ היפּשן סכום שפּייז-פּראָדוקטן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אין 1924-טן יאָר, ווען פאַלעסטינע האט, לויט איר מאסשטאַב, געהאט ניט קיין שלעכטע גערעטעניש, אריינגעפירט אין לאַנד: ווייץ — 7 מיליאָן קילאָ, גערשטן — 10 מיליאָן, מעל — 10 מיליאָן, רייז — 8 מיליאָן, באָב — 4 מיליאָן, פּרוכטן 2½ מיליאָן קילאָ, קארטאָפל 4 מיליאָן קילאָ א. א. וו.

איינער פון די גרעסטע וועלט-ספּעציאליסטן אין קאָלאָניזירפראַגן, דער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר מיד, וועלכער האָט אין 1924 יאָר באזוכט פאַלעסטינע, האָט געמאָלדן דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער יערושאלאימער ציַיטונג „דואַר האיאָם": — איך מוז אייך זאָגן דעם גאַנצן עמעס, אַז, לויט מיין מיינונג, איז ניטאָ קיין גרונט צו האָפן אף אַ דערפאָלגרייכער קאָלאָניזאַציע, וועלכע עס פירן די ציעניסטן, ניט געקוקט אַף די גרויסע געלטמיטלען און ענערגיע, וואס זיי פאַטערן אַף דעם. די דעפיציטן און די סובסידיעס, וואס עס באקומען די יידישע קאָלאָניסטן פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאציע, איז ניט קיין צייטווייליקע דערשיינונג, נאָר אַ שטענדיקע".

קיין נייע אַמעריקע האָט דער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר ניט אַנטדעקט. ניט זייענדיק קיין פּראָפעסאָר, קאָן מען אויך פאַרשטיין, אַז בא די אויבן-אָנגעוויזענע באדינגונגען איז אומעגלעך צו האבן כאָטש אַן אָרעמע עקסיסטענץ פון דער ערד-אַרבעט אין פאַלעסטינע. פון דער קלאָגעדיקער גערעטעניש דאַרף מען אויך צאָלן שטייערן און פאַרן קאָלאָניסט בלייבט ניט דער נויטיקער מינימום אַף צו באַפרידיקן זיינע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן.

דעריבער האָט זיך דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטן
ווידער געמוזט נעמען פאַר זייערע אַלטע פאַרנאָסעס — צו מיסכער,
און דער איבעריקער טייל, וואָס האָט זיך צו מיסכער ניט גע-
קאָנט נעמען, גייען אויס פון הונגער און האַלטן אונטער זייער
עקסיסטענץ פון יערלעכע סובסידיעס. די איינציקע האָפענונג פאַר
די אייביקע קאַפּצאָנים איז ווי-ניט-איז ארויסרייסן זיך צוריק פון
דאָרף אין שטאָט אריין אָדער בא דער ערשטער געלעגנהייט איב-
גאַנצן אַנטלויפן פון „הייליקן" לאַנד צוריק אין גאָלעס אריין.
מען לויפט צוריק מאַסנווייז. דער וואס קאָן זיך נאָר ראַטעווען,
דער ראַטעוועט זיך. אָט ווי עס באשרייבט איינע אַ אַמעריקאַנישע
זשורנאַליסטן — נינא מעדעם — אין דער צייטונג „פרייהייט"
פון 19-טן מאי 28-טן יאָר דאס לויפן צוריק פון פאַלעסטינע:
„אונטער שטאָלצע געזאַנגען ביסטו געפאָרן אַהין, אין אַלטן
ברוטאלן לאנד, און צוזאַמען מיט דיר זיינען געפאָרן טויזנטער
אַנדערע, גרייט צו אַקערן, צו זייען, צו שניידן, צו באגיסן, צו
אַרבעטן. אונטער ענגלאנדט פאָן ביסטו געפאָרן, מיט דער האַפ-
טאָכע פון אירע דיפּלאָמאַטן און מיט דער בראָכע פון די „הייליקע"
פון יירישן פאָלק. ביסט געפאָרן פון אזערקאיו, פון ראדאם, פון
בעלז, פון אָטוואצק, פון ליובארטאוו, מיט דיין רעבן, מיט דיין
שטיבל, מיט דיינע כאסידים, מיט דער פּערענע און דעם טשאיניק,
און מיט דער גרייטקייט צו ליידן, ווי דו האָסט געליטן אין די
פוילישע שטעט, נאָר מיט דער איינציקער האָפענונג אָף אַ בעסערן
לעבן. די זומפּן און די קאַדראָכעס האָבן דיך פון דאָרטן ווידער
פאַריאָגט, די שרעק פאַרן האַס פון די אַראַבער האָט דיך רואיק
שלאָפן ניט געלאָזט, דאס וואיען פון שאַקאַלן האבן דיך געטריבן
צוריק, די מערדערלעכע טריקעניש האָט דיינע פעלדער פאַר-
ברענט, די נאַקעטע שטיינער מיט שווערקייט דיין נעשאָמע
געדריקט. דו לויפסט צוריק און מיט דיר לויפן צוריק נאָך טויזנטער
און דאָ, אונטער דער גליענדיקער זון פון אַלעקסאנדריע, באַגע-
גענען מיר זיך ווידער, לאנדסמאן. דו פאָרסט צוריק אין פוילן

און טראַכסט ווידער וועגן אַ קרעמל אין אָטוואָצק? אָדער גיין איבער די דערפער און אויפקויפן גענז און הינער פאַר יידן אַף שאַבעס? אָדער זיצן אַף דער סטאַנציע און בייטן דאָלאַרן אַף פוילישע זלאָטעס?״

דאָס איז א קורץ, אָבער אויסגעצייכנט בילד פון די יידישע האָפּעגליקן אין פּאַלעסטינע און וואָס עס לאָזט זיך אויס פון די האָפּענונגען פון די, וואס זייגען גרייט צו זייען, צו שניידן און צו אַרבעטן, אַבי נאָר ברויט צו האָבן. אַפילו די בראָכעס פון די „היליקע״ ראַבאָנים, וואָס טרייבן אין גאָטס נאָמען די יידישע מאַסן אין די קאַדאָכעס - זומפּן פון פּאַלעסטינע, זיינען ניט אימשטאַנד צו ראַטעווען זיי פון שרעקלעכן דאַלעס און פון פיזישן אונטערגאַנג.

מיר האבן נאָך מיט פּאַלעסטינע ניט געענדיקט. אונזערע ציעניסטן וועלן געוויס פּרובירן א ספּעקוליר טאָן מיט די יידישע מאַראַנצן - פּלאַנטאַציעס, מיט זייערע מאַנדלען, וויינטרויבן און איילבירטן. דעריבער איז נויטיק זאָגן עטלעכע ווערטער אויך וועגן די פּאַלעסטינער דעליקאַטעסן.

לויט די אָנגאבן פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַרן 25 - טן יאָר, האָט זיך דער יידישער ערד - באַזיץ געטיילט אזוי:

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| מאַראַנצן - פּלאַנטאַציעס | | 1100 | העקטאַר | אָדער | 1,3 | פּראָצענט |
| מאַנדלען | ״ | 3000 | ״ | ״ | 3,5 | ״ |
| וויינטרויבן | ״ | 1560 | ״ | ״ | 1,8 | ״ |
| איילבירטן | ״ | 920 | ״ | ״ | 1,1 | ״ |
| פעלד - קולטורן | ״ | 62500 | ״ | ״ | 73,5 | ״ |
| וואַלד | ״ | 2000 | ״ | ״ | 2,3 | ״ |
| אומקולטיווירטער באָדן | | 13920 | ״ | ״ | 16,5 | ״ |
| ס א כ א ק ל | | 85000 | ״ | ״ | 100 | ״ |

אויב מיר וועלן אָט די ציפערן רעכענען פאַר ריכטיקע, און ניט די ציפערן פון ענגלישן לאָרד סטענגאן, וועלכער ווייזט אָן דעם יידישן ערד - באַזיץ מיט 9.000 העקטאַר ווייניקער, וועט זיך דערפון דאָס אַלגעמיינע בילד מיט גאָרנישט בייטן.

ווען מיר וועלן אַראָפּרעכענען פונם יידישן ערד-באַזיץ דעם וואַלד-שעטעך, דעם אומקולטיווירטן באָדן און דעם באָדן, וואָס ווערט באַנוצט אַף פעלד-קולטורן, וועט בא אונז בלייבן פאַר אַלע פּאַלעסטינער דעליקאַטעסן ניט מער ווי 7,8 פּראָצ. פונם גאַנצן ערד-שעטעך.

כוץ דעם ווייסן דאָך די ציעניסטן אויסגעצייכנט, אַז קעדיי צו פאַרפלאַנצן אין פּאַלעסטינע א מאַראַנצן-פּלאַנטאַציע פון צוויי העקטאַר, דארף מען, אויסער אַלע הויצאָעס, האָבן אַ שטענדיקן פרייען געלט-רעזערוו פון 15 ביז 18 טויזנט רובל, וועלכן מען זאָל קאָנען אויסנוצן אין יעדער מינוט, ווייל דער קלענסטער איבערייס אין דער אַרבעט קאָן פאַרניכטן די גאַנצע פּלאַנטאַציע. אַזוי ארום איז א מאַראַנצן-פּלאַנטאַציע א ריין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג און איז דעריבער צוטריטלעך פאר יעכידים און ניט פאַר דער ברייטער מאַסע קאָלאָניסטן. דעריבער זעען מיר טאַקע, אַז ניט געקוקט אף די באַדייטנדיקע רעוואָכים, וואָס עס גיט א מאַראַנצן-פּלאַנטאַציע, איז דער שעטעך ערד פון די פּלאַנטאַציעס א ניט באַדייטנדיקער. וואָס איז שײַעך צו די איבעריקע דעליקאַטעסן, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּאַלעסטינער באָדן איז פאר זיי ניט שטאַרק צוגעפּאַסט. דער שעטעך פון מאַנדלען, ניט בלויז וואס ער וואַקסט ניט, נאָר פאַרקערט: אין אייניקע ערטער רייסט מען אַרויס די מאַנדלען, קעדיי אויסצונוצן דעם באָדן פאר אַנדערע קולטורן. אין פּאַלעסטינע איז קאַנטיק רענטאַבעלנער פאר א יידן צו האַנדלען מיט פרעמדע ראָזינקעס מיט מאנדלען, איידער פלאַנצן אייגענע. קימאַט אַזאַ לאַגע איז אויך מיט די איבעריקע פּאַלעסטינער דעליקאַטעסן.

אין בירא-בידזשאַן זיינען דאָ אלע אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אַ האַכנאָסעדיקער און שטאַנדהאַפטיקער פויערשער ווירטשאַפט.

ערשטנס, דאָס וואָס דער ערד-בײַלעק באַטרעפט אַף איין מישפּאָכע ניט ווייניקער פון 25 העקטאַר. אַפילע בא אַ מיטע-

לער גערעטעניש וועט דער ערד-כיילעק געבן גענוג האַכנאָסע פאַרן איבערוואַנדערערס מישפּאָכע.

צווייטנס, די קלימאַטישע באַדינגונגען און די פּרוכטבאַרקייט פונם ערד-באָדן גיט א דורכשניטלעכע גערעטעניש, וועלכע איז אַף צוואנציק פּראָצענט העכער ווי אינם אייראָפּייאישן טייל פון ראַטנפאַרבאנד. כוץ דעם איז דער בירא-בידזשאַנער באָדן צוגעפאַסט צו פאַרשיידנאַרטיקע קולטורן, אָנגעהויבן פון סוב-טראָפּישע, ווי רייז, כינעזישע באָב, טערקישע טאַבאַק א. א. וו. און געענדיקט מיט קולטורן פון מעסיקן קלימאט — צוקער-בורעקעס, האָפּן, ווייץ, ליין און קלעשטשעווינע.

דריטנס, די בירא-בידזשאַנער גרויסע לאנקעס מיט זייערע הויך-געוויקסיקע גראָזן שאפן פארן איבערוואנדערער גלענצנדיקע באַדינגונגען ברייט צו אַנטוויקלען פארשיידענע מינים פיצוכט און דורכדעם באקומען אַ באַדייטנדיקע האַכנאָסע פון מילך-ווירטשאפט. אַ גרויסע באַדייטונג אין דער ווירטשאפט וועט אויך האָבן די בינען-צוכט. די פּראָדוקטיווקייט פון אַ בינשטאָק דערגרייכט אין בירא-בידזשאַן ביז 33 קילאָגראַם, דאָס טראָגט אַריין א יערלעכע האַכנאָסע, לויט די אָרטיקע פרייזן, פון 15 ביז 20 רובל פון א בינשטאָק. דאָס, וואָס דער ראַיאָן איז דורכגעשניטן מיט א ברייטער וואַסער-נעץ פון טייכן און טייכלעך און ווערט באַזוימט אַף א שטרעקע פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער מיט איינער פון די גרעסטע טייכן אין דער וועלט — אַמור, שאפט אויך גינסטיקע באַדינגונגען פאַר פיש-פאנגעריי, אלס א צוגאב-האַכנאָסע צו דער לאנדווירטשאפט.

פערטנס, צוגלייך מיט דער לאנדווירטשאפט, וועלן אינם עקאָנאָמישן לעבן פון לאנד שפּילן א געוואלדיק גרויסע ראָל די גרויסע, נאָך ניט גערירטע, וואלד-מאַסיוון און די פאַרשיידנאַרטיקע נוצלעכע מינעראַלן. דאָס וועט געבן א מעגלעכקייט דער ראַטן-רעגירונג צו אַנטוויקלען אין ראַיאָן די אינדוסטריע.

די אלגעמיינע אָביעקטיוו-נאַטירלעכע באַדינגונגען פון ביראָ-בידזשאַנער געגנט זאָגן פאָרויס גוטע עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוון פאַר צענדליקער טויזנטער מישפּאָכעס פון דער יידישער דעקלאַסירטער אָרעמקייט. ביראָ-בידזשאַן מיט אירע נאַטירלעכע רייכטימער און קלימאַטישע באַדינגונגען וועט געוויס ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט אַ צוציאונגס-קראַפט פאַר גרויסע מאַסן איבערוואַנדערער. עס וועט דאָרט געשאַפן ווערן אַ נייע פאָלקסווירטשאַפט און אויך אַ נאַציאָנאַל-אַדמיניסטראַטיווער ראַיאָן. דאָס איז ניט קיין אילוזיעס און ניט קיין באַרימעריי. דאָס איז אַ פעסטער גלויבן אין די שעפערישע קויכעס פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און אינם שטרעבן פון דער יידישער אָרעמקייט צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, צו ווערן מיטבויער פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד.

מיר זעען אויך פאָרויס די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן באַהערשן און קולטיווירן דעם ראַיאָן. די רעזולטאַטן פון דער איבערוואַנדערונגס-אַרבעט אין אוקראַינע, ווייס-רוסלאַנד און קרים, וואו די שוועריקייטן פאַר דער ווירטשאַפטלעכער איינאָרדענונג פון די איבערוואַנדערער זיינען געווען אָפט ניט קיין קלענערע ווי אין ביראָ-בידזשאַן, איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די שוועריקייטן אין ביראָ-בידזשאַן וועלן מיר אויך מיט אונזער פּראָלעטאַרישער ענערגיע און אַרבעט באַקעמפן.

## אַ יידיש פויערטום איז מעגלעך שאַפן נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד

די ציעניסטן האָבן טעאָרעטיש באַגרינדעט דעם ציעניזם מיט דעם, וואָס די יידן זיינען דאָס איינציקע פאלק אין דער וועלט, וואָס האט ניט אַזאַ פאָלקס-ווירטשאַפט, ווי די אַרומיקע פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבט, דעריבער מוזן די יידן זיך פאַרנעמען, הויפטזאַכלעך, מיט האַנדל, האַנטווערקעריי אָדער מיט פרייע פראָפעסיעס. קעדיי די יידן זאָלן אויך קאנען לעבן מיט אַ נאָרמאַלער עקאָנאָמישער פאָלקס-ווירטשאַפט, דארף מען פאַר זיי שאַפן אַזוינע באַדינגונגען, וואָס זאָל געבן א מעגלעכקייט אויסטיילן פון זיך אלע נויטיקע קלאַסן פון דער איצטיקער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אַ נאַציע מיט אַ געזונטער פאָלקס-ווירטשאַפט דאַרף האָבן, לויט דער מיינונג פון די ציעניסטן— קאַפיטאליסטן, באנקירן, אייגנטימער פון הייזער, סאָכרים, קוסטארן, פאַבריק-אַרבעטער און הויפטזאַכלעך ערד-אַרבעט, וואָס זיי רעכענען פארן יעסאָד פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט. שאַפן אַ יידיש פויערטום וועט מעגלעך זיין דאן, ווען יידן וועלן האָבן, צוגלייך מיט אַנדערע פעלקער, אן אייגן לאַנד מיט אן אייגענער יידישער מעלוכע.

דאָס איינציקע אָרט, וואָס איז מעסוגל צו פארווירקלעכן די יידישע „פאָלקס אידעאלן" צו האָבן אייגענע קאַפיטאליסטן און פריצים, סאָכרים און באַנקירן, אַרבעטער און פויערים, איז דאָס לאַנד פון די אָוועס — ערעץ-יסראָעל.

האָט דאָס יידישע פאָלק, אָדער, בעסער געזאָגט, די יידישע בורזשואַזיע, וועלכע וויל האָבן פרייע מעגלעכקייטן צו זויגן

דאָס בלוט פונם יידישן אַרבעטער און פויער, דערגרייכט פאר פופציק יאָר אַרבעט זייערע בורזשואזע אידעאַלן?

זיינען אין פּאַלעסטינע געשאַפן געוואָרן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג די אלע נויטיקע קלאַסן פון דער איצטיקער בורזשואזער געזעלשאַפט, און הויפטזאַכלעך אַ יידיש פויערטום? אַף דעם ענטפערן מיר — לוי מיט אַן אַלעף. קיין יידיש פויערטום איז אין פּאַלעסטינע ניטאָ און וועט ניט זיין. מיט שווינדל, דעמאַגאָגיע, בלוטיקע אכזאָריעס צום אַראַבישן פויער, זומפן און קאַדאָכעס שאַפט מען ניט קיין פויערטום.

לויט דער באהויפטונג פון דאָקטאָר רופין, באַטרעפט די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַלע פּאַלעסטינער לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס 23 טויזנט נעפאַשעס. דירעקט פון לאַנדווירטשאַפט לעבן אָבער ניט מער פון אַן ערעך 10 טויזנט נעפאַשעס. די איבעריקע באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס זיינען באַלמעלאָכעס, אינדוסטריעלער, סאָכרים, פרייע פראָפעסיעס, באַאַמטע און סטאם לופט-מענטשן אָן אַ באַשעפטיקונג. אזוי ארום איז דער עקאָנאָמישער יעסאָד פון די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס דערזועלבער, וואָס פון אונזערע שטעטלעך אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. דאָס, וואָס מיר רעכענען פאר אַ פאַרשאָלטענער יערושע פון צאַריזם, בויען ווידער אויף די ציעניסטן אין פּאַלעסטינע און שרייען, אַז זיי ראַטעווען דערמיט דאָס יידישע פאָלק. כוץ דעם איז דער פּאַלעסטינער יידישער פויער, וואָס ווערט פון די ציעניסטן פארעכנט אין דער גרופּע ערד-אַרבעטער, אין זיין גרעסטן טייל קיין פויער ניט. ער איז גיכער אַ האַלבער סויכער און אַ האַלבער עקספּלואַטאַטאָר פון פרעמדער אַרבעטס-קראַפט. און דאָס קאָן אַנדערש ניט זיין בא אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אַפילע בא אונז אין ראַטנפאַרבאַנד, וואו פּריוואַטער מיסכער ווערט געדריקט און וואו דער סויכער איז פון דער פּראָלעטארישער געזעלשאַפט פאַרהאַסט און איז פּאָליטיש רעכטלאָז,

האָבן מיר אויך געזעהן אויסשטיין אינם ערשטן איבערוואַנדע-רונגס-פעריאָד אַ האַרטן, אָפט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט די האַנדלס-טענדענצן פון אייניקע גרופן איבערוואַנדערער, וואָס האָבן פאר קיין פאַל זיך ניט געוואָלט אָפזאָגן פון זייערע האַנדלס-געוואוינהייטן. ניט ווייניקער האָבן מיר אויך געמוזט קעמפן קעגן געדונגענער אַרבעטס-קראַפט, וואָס די הענדלערישע עלעמענטן פון די איבערוואַנדערער האָבן באַנוצט. פאַלעסטינע איז אָבער אַ קאַפיטאַליסטיש לאַנד, וואו עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעטס-קראַפט איז דער פונדאַמענט פון דער גע-זעלשאַפטלעכער אָרדענונג. מיסכער רעכנט זיך פאר א ייכעס-פאַרנאָסע, און דער וואָס קאָן מער עקספּלואַטירן, מער שווינד-לען, מער דרייען און מער אָפּנאַרן די וועלט, דער איז אַלץ אַ גרעסערער מעיוכעס. ווען מיר וועלן נאָך צו די האַנדלס-טענ-דענצן פונם יידישן קליינבירגערטום און צו די אידעאָלאָגישע מאָמענטן פון קאַפיטאליזם, נאָך צוגעבן די טייערקייט פון דער פויערשער ווירטשאַפט, פון וועלכער דער קאָלאָניסט קאָן זיך אייביק ניט אויסצאָלן; דער קליינער ערד-ביילעק, דער שלעכ-טער באָדן מיט נאָך ערגערע געצעטעניש, וואָס קאָן ניט באַזאָרגן אַפילע דעם פיזיאָלאָגישן מינימום פון דעם קאָלאָניסטס מישפּאָכע; גיבן מיר נאָך צו דעם נאציאָנאלן האַס פון דער באַ-רויבטער אַראַבישער פויערשער באַפעלקערונג, וועט פאר אונז דאַן קלאָר ווערן, פון וואַנען עס נעמט זיך דער פולשטענדיקער באַנקראָט פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע.

אַכציק פראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַלעס-טינע זיינען קאָנצענטרירט אין די שטעט און פאַרנעמען זיך מיט די אַלטע יידישע פאַרנאָסעס אָבער ניט מיט ערד-אַרבעט. אין טייל-אוויוו, די קרוין-שטאָט פון פאַלעסטינע, זיינען פאַראַן אַף אַ באַפעלקערונג פון 30 טויזנט מענטשן — העכער צוויי טויזנט יידישע קרעמלעך. אַלע טיפּן פון יידישן געטאָ: הענדלער, מעקלער, מנאַכעם-מענדלס, באַטלאָנים, מעלאַמדים, שאַמאָשים

אין סטאַם אָרעמע לייט און בעטלער, האָבן זיך ווידער פאַרפעסטיקט און אויסגעבויט זייער צעפוילטע באַרנלאָזע ווירטשאַפט אין די „הייליקע“ שטעט פון יערושאָלאַים.

דאָס איינציקע לאַנד, וואו עס קאָן אויסגעבילדעט ווערן אַ יידיש פויערטום, איז דער ראַטנפאַרבאַנד. דאָ זיינען פאַראַן אַלע גינסטיקע באַדינגונגען דערצו. דער איבערגאַנג צו ערד-אַרבעט איז בא אונז ניט קיין אידעאַל צו שאַפן אַ יידישע פאָלקס-ווירטשאַפט נאָר אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט פאַר טויזנטער משפּחות.

באַ אונז אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען ניטאָ און עס קאָנען ניט זיין קיין אָפּגעזונדערטע נאַציאָנאַלע פאָלקס-ווירטשאַפטן. באַ אונז איז דאָ אַן איינהייטלעכע ראַטן-ווירטשאַפט, אין וועלכער עס נעמען אַן אָנטייל אַלע האָרעפּאַשניקעס פון ראַטנפאַרבאַנד. זיכער און פעסט בויט דער אַרבעטער-קלאַס די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. צוליב דעם איז נויטיק אַרויסצושטופּן דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל פון אַלע זיינע פּאָזיציעס, סאַי פון דער אינדוסטריע, סאַי פון דער לאַנדווירטשאַפט און סאַי פון סכוירע-אומזאַץ. די אינדוסטריע געפינט זיך קימאַט אַף הונדערט פּראָצענט אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה. די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין שטאָט און אין דאָרף נעמט ביסלעכווייז צו די לעצטע פּאָזיציעס פון פּריוואַטן האַנדלס-קאַפּיטאַל. טויזנטער משפּאָכעס, וואָס האָבן פון האַנדל געלעבט, זיינען געצוואונגען זוכן פאַר זיך אַנדערע באַשעפטיקונגען. דאָס איז אָבער מעגלעך נאָר באַ פּראָדוקטיווער אַרבעט אין דער שטאָטישער אינדוסטריע אָדער אין דער דאָרפישער לאַנדווירטשאַפט. ווי שטאַרק עס זאָלן ניט זיין די געוואוינהייטן צום האַנדל און לופט-פּרנסות, ווי שווער עס זאָל ניט זיין זיך נעמען פאַר פיזישער אַרבעט, זיינען זיי דאָך געצוואונגען דערצו,—קאָנען זיי ניט אָנקומען אין פאַבריק, גייען זיי אַף ערד-אַרבעט אין דאָרף. דער איבערגאַנג פון האַנדל צו ערד-אַרבעט קומט ניט אַלעמען אָן גרינג. איין טייל

באַזעצט זיך גלייך אַף דער ערד און ווערן גוטע פויערים. אַ צווייטער טייל אנטלויפט צוריק אין שטאָט, נאָך אמאָל פּרואוון גליק, און איז דאָך געצוואונגען קומען צוריק זיך נעמען פאַר ערד-אַרבעט. אַ דריטער טייל ארבעט אַף צוויי פראָנטן. מע אַרבעט אַף דער ערד און מע האנדלט זיך ביסלעכווייז אונטער. כאַפּנדיק א מאַפּאָלע אַפן האַנדלס-פראָנט נעמען זיי זיך אַקטיוו פאַר דער ערד-ארבעט. סאָף-קאָל-סאָף בילדעט זיך אויס אַ געזונטע גרופּע ערד-אַרבעטער פון די פריערדיקע הענדלער און לופט-מענטשן.

די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און די פּלאַנירונג פון די אָפּגערויווארג שטויסט אַרויס אויך א טייל קוסטאַרן פון די אָפּגעשטאַנענע פּראָפעסיעס. די קוואַליפיצירטע פון זיי ציען זיך אין אַרטעל אָדער אין פאַבריק און די ניט-קוואַליפיצירטע — צו ערד-אַרבעט. דאָס איז איין וויכטיקער פאַקטאָר. דער צווייטער און וויכטיקסטער פאַקטאָר איז דאָס, וואָס די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון אַרבעטער-קלאַס, וועלכער בויט דעם סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע בויאונגס-אַרבעט איז ניט מעגלעך אָנם אַקטיווטן אנטייל און די גרעסטע אנשטרענגונגען מיצאר די ברייטסטע האָרעפּאַשנע מאַסן פון אַלע פעלקער פונם ראַטנפאַרבאַנד. דעם אייגענעם פּרינציפּ פונם אַריינציען די האָרעפּאַשנע מאַסן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג ווענדט אָן די ראַטנמאַכט אויך צו די יידישע מאַסן. קעדיי די יידישע מאַסן זאָלן קאָנען נעמען אַ גלייכן אנטייל אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון לאַנד, דאַרפן זיי זיין פּראָדוצירנדיקע עלעמענטן. הענדלער און דעקלאַסירטע מאַסן קאָנען זיין שטערער אָבער ניט קיין בויער פון סאָציאַליזם. דעריבער איז די פראַגע פון אַריינציען די יידישע מאַסן אין דער פּראָדוקציע ניט קיין פּריוואַטער איניען, נאָר אַ מעלוכע-זאַך. אויב עס איז ניט מעגלעך פירן די גאַנצע יידישע מאַסע צום סאָציאַליזם בלויז דורך דער אינדוסטריע, מוז מען זי פירן אויך דורך ערד-אַרבעט, דורך דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַ-

ציע און קאָלעקטיוויזאַציע אַריינציען זיי אין סאָציאַליסטישן בויאונגס-
פּראָצעס. באַזעצן די יידישע אָרעמקייט אף ערד איז פּונקט אזוי
דער אינטערעס פון דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע, ווי דער
אינטערעס פון דער יידישער אָרעמקייט. דעריבער נעמט די ראַטן־
רעגירונג אן די נויטיקע מיטלען צו פארשנעלערן און פארגרינ־
גערן דעם איבערגאַנגס-פּראָצעס פון שטאָט אין דאָרף אריין.
ערד קריגט מען אומזיסט. קרעדיטן גיט די מעלוכע אף לגאָטנע
יעסוידעס און אף א לאַנגדויעריקן טערמין. די ווירטשאַפט קאָסט
דעריבער זייער ביליק. כּוץ דעם באַקומט דער איבערוואַנדערער
אַ ריי לגאָטעס באַם אריבערפארן און באַם בויען זיין ווירטשאַפט.
זעען מיר טאַקע, אז די יידישע לאַנדווירטשאַפט איז ראַשיק אויסגע-
וואקסן און האָט זיך גרינטלעך פאַרפעסטיקט. אין אַ קאַפּיטאַליסטיש
לאַנד קאָן וועגן דעם קיין רייד ניט זיין, דעריבער זיינען דאָרטן
ניט פאַראַן די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אַ ברייטער יידישער
מאַסן-קאָלאָניזאַציע. דער דריטער גינסטיקער פאַקטאָר פאַר אַ
דערפאָלגרייכער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס, וואָס
די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט געמאַכט אן איבערקערעניש אין די
געדאַנקען בענויגייע דער אָפּשאַצונג פון די פריערדיקע פאַר-
נאָסעס. דער געוועזענער סויכער, דער שיינער באַלעבאָס, דער
מעיוכעס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א זידל-וואָרט — נעפּמאַן
איז זיין נאָמען. דאָס איז איצטער א רעכטלאָזיקע און פאַר-
האַסטע באַשעפעניש אינם ראַטנפאַרבאַנד. פאַרקערט, דער געווע-
זענער שוסטער-יונג און פּויער, מיט וועלכן דער רעבע אין כיידער
פלעגט זידלען זיינע טאַלמידים איז איצטער געוואָרן אן ערן-
טיטל. דער ארבעטער, וואָס איז פריער געווען אַ פּסול אין דער
מישפּאָכע איז איצטער דער באַלעבאָס פון לאַנד. אין די קאַפּי-
טאַליסטישע לענדער ווירקט אויך טיילווייז דער ערשטער פאַק-
טאָר, ווייל דער קליינער קרעמער ווערט דאָרט אַרויסגעשטויסן
פון זיינע פּאָזיציעס דורכן קאָנקורענץ-קאַמף מיטן גרויסן קאַפּי-
טאַל. דאָרטן זיינען אָבער ניטאָ די איבעריקע צוויי פאַקטאָרן

און דעריבער ווערט דער ארויסגעשטויסענער קרעמער פארוואנדלט ניט אין א פראָדוצירער, נאָר אין אַ דעקלאַסירטן לומפּן - פּראָלעטאַריער. אַזוי ארום זעען מיר, אז דאָס איינציקע לאַנד, וואו עס זיינען דאָ גינסטיקע באַדינגונגען צו שאַפן א יידיש פּויערטום איז דער ראַטנפאַרבאַנד. אפילו דאן, ווען אין פּאַלעסטינע וואָלט געווען א גענוגער פרייער ערד - שטעך פאר א ברייטער מאסן-קאָלאָניזאַציע, אַפילע דאַן, ווען די ערד אין פּאַלעסטינע וואָלט געווען ניט קיין ערגערע, ווי בא אונז, און מענטשן וואָלטן דאָרטן ניט אומגעקומען פון קאַדאָכעס, אַפילע דאַן, וואָלט דער אידעאַל פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע צו שאַפן א יידיש פּויערטום אין פּאַלעסטינע, געווען ניט מער ווי אַ בורזשואַזע אוטאָפּיע.

---

## פאַרוואס איז די ציעניסטישע בורזשואַזיע קעגן בירא - בידזשאַן ?

די הויפט - ראָליע שפילן דא צוויי פאַקטאָרן. דער קלאסנקאַמף פון דער יידישער בורזשואַזיע קעגן אַרבעטער - קלאס, און די קאַפיטאַלן פון דער אויסלענדישער בורזשואַזיע. שלעכט און ביטער איז דער עקאָנאָמישער מאַצעוו פון די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער. אויסער די אלגעמיינע אנטוויקלונגס - געזעצן פון קאַפיטאַליזם, וואס שטויסן ארויס די יידן פון זייערע פּאָזיציעס אין די קליינע פּראָדוציר - און האנדלס - אונטערנעמונגען, קומט נאָך צו דער פאַרביסענער און אָפטער בלוטיקער קאַמף פונם קליינבירגערטום פון דער הערשנדיקער נאַציע קעגן דעם יידישן קרעמער און קוסטאַר. מיט דער הילף פון דער קאַפיטאַליסטישער מעלוכע - מאשין און דורך די נאַציאָנאַל - ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס גראָבן זיי אונטער די עקסיסטענץ פונם יידישן קליינבירגערטום און ווערן דערמיט פּאָטער פון געפערלעכע קאָנקורענטן. אלס גערוידעפטע נאַציאָנאַלע מינדערהייט איז דאס יידישע קליינבירגערטום נים בעקויעך צו פאַרטיידיקן זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און ווערט וואָס ווייטער אלץ מער עקאָנאָמיש רואינירט. דער עקאָנאָמיש - באַנ־קראָטער און פּאָליטיש - פאַרפאָלגטער קליינבירגער זוכט אַן אויסוועג פון זיין פאַרצווייפלטער לאַגע. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט רופט דעם קליינבירגער מיטהעלפן אין קאַמף קעגן דער קאַפיטאַ- ליסטישער אָרדענונג פאַר א סאָציאלער רעוואָלוציע, וועלכע וועט דעם יידישן קליינבירגער, דורך פּראָדוקטיווער אַרבעט, מאַכן פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן

געביט. קעגן דעם טרעט ארויס די יידישע בורזשואַזיע. זי איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער עקסיסטענץ פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער אָרדענונג. דער סאָציאַליזם איז איר גרעסטער סוינע. דעריבער רעדט מען איין די יידישע מאַסן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז ריין, ווי אַ טייבעלע. ניט דער קאַפּיטאַליזם איז שולדיק אין די יידישע צאָרעס, נאָר די הויפּט-צאָרע באַשטייט אין דעם, וואס יידן זיינען אומעטום אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, לעבן אין גאָלעס און האָבן ניט קיין אייגן לאַנד מיט אַן אייגענער יידישער מעלוכע. דאס יידישע קליינבירגערטום, זייענדיק אידעאָלאָגיש נעענטער צו דער בורזשואַזיע, איידער צום פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך געשטעלט אונטער דער ציאָניסטישער פאָן צו קעמפן פאַר אַ יידיש לאנד אין פּאַלעסטינע. די טעאָריע, אז נאָר א יידיש לאנד איז ביכוילעס צו ראַטעווען דאס יידישע פאָלק פון אונ-טערגאַנג, האט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט אין א מעשעך פון צענדליקער יאָרן צו באשווינדלען די יידישע מאסן. די מיליאָנען, וואס זיינען אריינגעוואָרפן אין די פּאַלעסטינער זומפּן און אין די קעשענעס פון די אַראבישע פּריצים, די טויזנטער מענטשן, אומ-געקומענע פון מאליאריע, די אַכזאָריעסדיקע האנדלונג בענויגייע דעם אראבישן פּויער, דאָס זיינען אַלץ געווען נויטיקז קאָרבאָ-נעס פאַר די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. דער פולשטענדיקער באַנקראָט פון דער ציאָניסטישער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, און די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין ראַטנפאַרבאנד, וואו דאס יידישע קליינבירגערטום קריגט אַ מעגלעכקייט דורך ערד און פאַבריק צו דערווערבן זיך עקאָנאָמיש פעסטע פּאָזיציעס, האָט געשאַפן אַ קאטאסטראָפעלע לאַגע פאר דער פּאַלעסטינישער אוואַנטורע. דער ציאָניזם אין ראַטנפאַרבאנד געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון גסיסע, און וואס אַ גרעסערע צאָל פון די יידישע מאַסן מיר פאַרפעסטיקן אף ערד-אַרבעט אלץ מער שטאַרבט בא אונז אָפּ דער ציאָניזם. דער ביישפּיל פון ראַטנפאַרבאנד שטעלט אויך אין סאַקאָנע זייער ווירקונג אַף די יידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליס-

טישע לענדער און פאַרשטאַרקט די פּאָזיציעס פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם. דעריבער איז די פראַגע פון אַרונטעררייסן די ערד-איינאָרדענונג פון דער יידישער אָרעמקייט אין ראַטנפאַרבאַנד פאַשטעט אַ לעבנס-פראַגע פאַר דער יידישער ציעניסטישער בורזשואַזיע. די צווייטע גרונט-סיבה פונם פאַרביסענעם קאַמף פון די ציעניסטן קעגן דער יידישער ערדאיינאָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד בכלאַל און ביראָ-בידזשאַן בפּראַט איז די סאַקאָנע צו פאַרלירן די האַכנאָסע פאַר דער אַלוועלטלעכער ציעניסטישער צדאָקע-פושקע, וואָס איז געוואָרן אַ נייער פאַרנאָסע-קוואַל פאַר די טויזנטער ציעניסטישע באַאַמטע און קלאַל-טוער. די דערפאָלגרייכע קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן צוציען אויסלענדישע קאַפּיטאַלן. אין אַ ריי לענדער האָבן זיך אָרגאַניזירט אומפּאַרטייאישע געזעלשאַפטן (אין אַמעריקע, אַרגענטינע און אַפריקע), וועלכע האָבן אָנגעהויבן צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג צו דער יידישער איבערוואַנדערונגס-אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַר יעדן איינציקן האָרעפּאַשניק אין אויסלאַנד שטעלט זיך די פראַגע, וואוהין זאָל ער געבן זיינע פאָר גראָשנס: אין פּאַלעסטינע, אָדער אין ראַטנפאַרבאַנד. קעמפן מיט אונז מיט רעאַלער פּראַקטישער אַרבעט איז פאַר די ציעניסטן אוממעגלעך. דעריבער בלייבט פאַר די ציעניסטן דער איינציקער אויסוועג. — מיט שקאָרים און רעכילעס פאַרטומלען די כויכעס פון די יידישע מאַסן; זיי טאַנען, אַז די איבערוואַנדערונג אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ יעווסעקישער שווינדל, אז ביראָ-בידזשאַן איז אַן אילוזיע און קאָן ניט ווערן קיין צענטער פון א יידישער מאַסן-קאָלאָניזאַציע, אַז די יידישע מאַסן וועלן אַהין ניט פארן א. א. וו., א. א. וו. זיי רעכענען, אַז דורך דעמאַגאָגיע און שקאָרים וועט זיך זיי איינגעבן אָפּשטעלן די איבערוואַנדערונגס-אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד און פּאָטער ווערן פון אַ געפערלעכן קאָנקורענט,

דאָס איז אָבער פונקט אזא אוטאָפּיע, ווי די מאַסן-קאָלאָניזאַציע
פון יידן אין פּאַלעסטינע. די איבערוואַנדערונג אין ראַטנפאַר-
באַנד איז אַ באַשטאַנד-טייל פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטי-
שער בויאונג פון לאַנד, און פונקט אַזוי ווי די ציוניסטישע
בורזשואַזיע גיט זיך ניט איין אָפּצושטעלן די סאָציאַליסטישע
בויאונג פון ראַטנפאַרבאַנד, אַזוי וועט זיך ניט איינגעבן די
ציוניסטן אָפּשטעלן דעם איבערגאַנג פון דער יידישער אָרעמקייט
צו ערד-אַרבעט. אַ גרויסן שאָדן דער יידישער אָרעמקייט קאָנען
זיי יאָ ברענגען. די איבערוואַנדערונגס-אַרבעט אין אַ ברייטן
מאַסשטאַב פאָדערט זייער גרויסע קאַפּיטאַלן. קיין אייגענע
קאַפּיטאַלן אַריינצולייגן אין דערווירטשאַפט האָבן די יידישע
מאַסן ניט און די ראטן-רעגירונג איז נאָך איצט ניט אים-
שטאַנד צו אַסיגנירן פון מעלוכע-בודזשעט די נויטיקע קאַפּי-
טאַלן. אָפּציענדיק פון אונז די אויסלענדישע קאַפּיטאַלן מוזן מיר
צופּאַסן דעם טעמפּ פון דער איבערוואַנדערונגס-אַרבעט צו די
פינאַנסיעלע מיטלען, וואָס מיר קאָנען באַקומען פון מעלוכע-
בודזשעט. דאָס הייסט, אַז טויזנטער משפּחות, וואָס נויטיקן
זיך אין אַרבעט, מוזן בלייבן זיצן אין דערהיים און וואַרטן אַף
בעסערע צייטן, ווען די ראַטן-רעגירונג וועט זיין ביכוילעס צו
פאַרגרעסערן אירע אַסיגנירונגען פאַר דער יידישער איבער-
וואַנדערונג. דאָס דאַרף וויסן די יידישע אָרעמקייט. דער
קאַמף פון די ציוניסטן אין אויסלאַנד און אויך אין ראַטנ-
פאַרבאַנד קעגן דער ערד-איינאָרדענונג ביכלאַל און קעגן ביראָ-
בידזשאַן ביפּראַט איז הויפּטזאַכלעך אַ קאַמף פון דער יידישער
בורזשואַזיע קעגן דער יידישער אָרעמקייט.

# אינהאלט


זייט

1. פאר און קעגן בירא-בידזשאן . . . . . . . . . . 3
2. די גרויס פון טויגבארן ערד-שעטעך אין פאלעסטינע און אין בירא-בידזשאן . . . . . . . . . . 8
3. פארוואס האבן די ציעניסטן אזוי ווייניק ערד אין פאלעסטינע . . . . . . . . . . . . . . 17
4. דער פרייז און די גרייס פון א פויערשער ווירטשאפט אין פאלעסטינע און אין בירא-בידזשאן . . . . . . 24
5. די קלימאטישע באדינגונגען אין בירא-בידזשאן און אין פאלעסטינע . . . . . . . . . . . . . . 28
6. די עקאנאמיש-ווירטשאפטלעכע פערספעקטיוון אין בירא-בידזשאן און אין פאלעסטינע . . . . . . . . 34
7. א יידיש פויערנום איז מעגלעך שאפן נאר אין ראטנ-פארבאנד . . . . . . . . . . . . . . . . 42
8. פארוואס איז די ציעניסטישע בורזשואזיע קעגן בירא-בידזשאן . . . . . . . . . . . . . . . . . 49

יאָלאָניזאַציע
...נפאַר-
...זי-

# [צע]נטרפאַרלאַג-כאַרקאָוו

קאַנטאָר — 10 יאָר נאַצפּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט . . . . . . . . 18 ק.

מעמשין — וואָס האָט די אָקטיאַבר־רעוואָלוציע געגעבן דער אַרבעטערן און פויערטע . 20 „

נעסטערענקאָ — די אַרבעטערן און די רעליגיע . . . . . . . . 16 „

שיבאָילער — וועגן דער אַרבעט אין דאָרף 15 „

קערבל און נעסטעראָוו — מעלוכישע האָריוואַנישע קאַסע . . . . . . 15 „

אָסטראָווסקי — וואָס גיט די קאָאָפּעראַציע דער אַרבעטערן . . . . . . 12 „

---

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

**„צענטרפאַרלאַג“ — כאַרקאָוו**

פּאָסט-קעסטל נומ. 260

# צענטרפאַרלאַג-כאַרקאָוו

שטשערבינאָווסקי -- די הויפטמאַשכיסים

פונם פאַרטריקעניש - ראַיאָן . . . . . 20 ק.

קאַנטאָר — ווי אַזוי צו האָדעווען אויפעס . 30 „

„ ווי אזוי אויסצוהאָדעווען א גוטע

מילך-קו . . . . . . . 30 „

באָראָוויטש — קויפט אַ גוטן פערד . . 20 „

ליווענסקי — דער לאַנדווירטשאַפטלעכער

שטייער . . . . . . . . . . 18 „

נעסטעראָוו — די סאָוועטישע מעלוכישע

קאַסע . . . . . . . . . 12 „

סערעבריאַקאָוו — מיט וואָס די קאָאָפּע-

ראַציע איז באַהילפיק דעם פויער . . 07 „

---


מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

„צענטרפאַרלאַג" — כאַרקאָוו

פאָסט-קעסטל נומ. 260

Ціна 20 коп.

Р.

Єврейською мовою:

СУДАРСЬКИЙ

БІРО-БІДЖАН

І ПАЛЕСТИНА

Всеукраїнська
Філія Центрального
Видавництва
Народів СРСР при
Президії ВУЦВК'у
Харків.